NAJER FOLKSBLAT
Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

ציהונג פון דער מלוכה־לאטעריע—זעה .11 זייט

היינט 12 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 16 | Łódź, Wtorek, 19 stycznia 1937 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאדז, דינסטאג פ' בשלח ז' שבט תרצ"ז | 15-טער יאהרגאנג

צי איז רעאל די קאלאניזאציע=פראגע

פון פוילישע יודען אין פראנצויזישע קאלאניעס?

פאריז, 18 (ספ. טעל.)

עס ווערען איבערגעגעבען פרטים וועגען דעם פלאן פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו באזעצען א גרויסע צאהל יודען אין איהרע קאלאניעס אויף מאדאגאסקאר, גוואנא, נייקאלעדאניען און די העברידען־אינזלען. דער קאלאניען־מיניסטער מאוטע האט די פראגע אויסגעפארשט זינט חדשים און ער האט בעקומען גענויע ענטפערס פון די גובערנא־טארען פון די קאלאניעס. עס ווייזט זיך ארויס, אז מען קאן ווירקליך יא באזעצען א טרעפליכע צאהל יודען, אפילו אין די הונדערטער טויזענדער. די הויפט־פראגע איז נאר וועגען געלד צו פינאנסירען די קאלאניזאציע. דאס זענען לענדער פון טראפי־שען קלימאט, ענליך צו מעקסיקא, דרום־אפריקא, און וועלכע עס קענען איינגעארדנעט ווערען איינ־מענסיווע לאנדווירטשאפטען פון טראפישע פרוכ־טען וכדומה. דער פלאן איז, אז די קאלאניזאציע זאל פינאנסירט ווערען נישט נאר דורך די יודען אליין, נאר אויך דורך די רעגירונגען וואס ווילען אז די יודען זאלען פון זייערע לענדער עמיגרירען. די פראנצויזישע רעגירונג האט ווי בעקאנט שוין אנגעהויבען וועגען דעם פערהאנדלונגען מיט די יודישע ארגאניזאציעס. מען רעכענט צו פעראינ־טערעסירען דערמיט אויך דאס אמעריקאנער יו־רענטום.

דורכצופיהרען די קאלאניזאציע זענען נויטיג מיליארדען.

פאריז, 18 (ספ. טעל.)

די רוסישע עמיגראנטען־ציימונגען אין פאריז ברענגען ווייטערע ערקלערונגען פון פראנצויזי־שען קאלאניען־מיניסטער מוטע וועגען דער מעגליכקייט פון קאלאניזירען יודען אין א טייל פון די פראנצויזישע קאלאניעס. די ציימונגען גי־בען איבער, אז מוטע איז זעהר פריינדליך געשטימט פאר א יודישער קאלאניזאציע אין די פראנצויזישע קאלאניעס און שוין זינט א לענגע־רער צייט ארבייט ער, כדי זיינע פלענער צו פער־ווירקליכען. צו דעם צוועק איז אויך דורכגעפיהרט געווארען א גענויע אויספארשונג אין די בעטרעפ־פענדיגע קאלאניעס און עס איז בעטראכט גע־ווארען זייער אויפנאהמס־פעהיגקייט.

אבער אלע פלענער טרעפען אן אויף פינאנ־ציעלע שוועריגקייטען, ווייל די עמיגראנטען, וואס וואלטען געפאהרען אין די דאזיגע קאלאניעס וואלטען געמוזט בעקומען צוגעשטעלט די נויטיגע מיטלען. פאר א מאסען־אימיגראציע זענען נוי־טיג שווערע מיליארדען, אזוי ארום וואלט א יודישע מאסען־אימיגראציע אין יענע קאלאניעס געווען מעגליך נאר דאן, ווען די פעראינטערעסירטע רע־גירונגען אדער די יודישע ארגאניזאציעס זאלען צו שטעלען די נויטיגע קאפיטאלען.

דער ענדעקישער „דזיענניק נאראדאווי" דרוקט א לענגערן ארטיקעל א. ד. מ. „יודען קיין מאדא־גאסקאר".

„דער פראיעקט — שרייבט די ענדעקישע צייר־טונג — צו עוואקואירען יודען פון די לענדער פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע איז נישט ניי... דער דאזיגער פראיעקט איז קודם־כל פארמולירט געווארען אין דייטשלאנד"...

„דז. נאר." דערמאנט, אז די פלענער וועגען מאדאגאסקאר זענען תחילת אויסגעלאכט געווא־רען, היינט אבער איז שוין געקומען דערצו, אז די אפיציעלע „גאזעטא פאלסקא" שיקט ארויס איהר ספעציעלען שליח קיין מאדאגאסקאר, כדי זיך צו בעקענען מיט די ווירטשאפטליכע מעגליכקייטען פון דאזיגען לאנד.

„עס געהט נישט וועגען דעם — אז קיין מא־דאגאסקאר זאלען באלד ארויספאהרען עטליכע מיליאן יודען, אבער וויכטיג איז, אז דער יודישער עמיגראציע־שטראם אהין זאל זיך אנהויבען"...

די ציימונג בעווייזט אז ווען מען וועט נאך כשהמען אין אכט די אנדערע פראנצויזישע קאלא־ניעס, ווי אויך בירא־בידושאן און ארץ־ישראל, דאן וועט מעגליך זיין אין משך פון דער צייט צו עוואקואירען אלע פוילישע יודען!...

אינדיווידועלע קאלאניזאציע קומט נישט אין בעטראכט

פאריז, 18 (יט"א טעלעגראפיש)

דער בעריכט וועגען דער ערקלערונג פון דעם פראנצויזישען קאלאניען־מיניסטער מוטע פאר דעם פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור און אנדערע זשורנאליסטען וועגען קא־לאניזאציע־מעגליכקייטען פאר יודען אין אייניגע פראנצויזישע קאלאניעס, דארף ערגענצט ווער־רען מיט פאלגענדע אינטערעסאנטע פרטים:

מיניסטער מוטע האלט פאר זיין פליכט צו וואר־רענען געגען איבערטריבענע אילוזיעס אין דער בריטער עפענטליכקייט בנוגע די באלדיגע רע־זולטאטען פון א קאלאניזאציע־ווערק אין די פראנצויזישע קאלאניעס. דער ביישפיל פון א"י בעווייזט, אז אזא ארבייט נויטיגט זיך אין זעהר בעדייטענדע פינאנץ־מיטלען. פון דער צווייטער זייט איז זעלטען פאראן פרייער באדען אויף די טעריטאריעס, וואו דער קלימאט ערלויבט דעם אייראפעער צו ארבייטען. די פרובען פון א קאמ־פאקטער קאלאניזאציע זענען פערבונדען מיט רי־זיקא, אז עס וועלען ענטשטעהן פאליטישע שווע־ריגקייטען פון דעם מין, מיט וועלכע מען האט צו טון אין א"י, נעמענדיג אין אכט די אלע בעווא־רענישען, האלט אבער מיניסטער מוטע, אז מען דארף פרובירען מאכען צוועקמעסיגע אנשטרענגונ־גען אין דער ריכטונג.

די פראנצויזישע רעגירונג איז גרייט צו קומען צוהילף אויף דעם געביט מענשען פון גוטען ווי־לען און די פראנצויזישע קאלאניאלע אדמיניס־טראציע וועט טון דאס בעסטע, כדי צו שטיצען אזא אונטערנעהמונג.

דער קאלאניען־מיניסטער מוטע האט פער־ארדנעט דעם דירעקטאר פון פאליטישען דעפארטאר־מענט אין זיין מיניסטעריום ה' גאסטאן זשאזעף און דעם שעף פון זיין קאבינעט ה' בוטיי, צו זאמ־לען אלע נויטיגע מאטעריאלען און ווידמעט די כויטווענדיגע אויפמערקזאמקייט דעם דאזיגען ענין.

ענטפערענדיג אויף די פראגען פון די אנוועזענ־דע זשורנאליסטען, האט מיניסטער מוטע ערקלערט אז די פראנצויזישע רעגירונג וועט נישט פיהרען קיין שום אינדיווידועלע קאלאניזאציע. אלס פאר־בעדינגונג פאר ארייגלאזען די קאלאניסטען מוז עגטר שטעהן א שטארקע ארגאניזאציע, וואס בעזיצט ענטשפרעכענדע געלד־מיטלען און גיט גאראנטיעס אז די קאלאניזירונגס־אקציע וועט זיך שטיצען אויף סאלידע יסודות.

„שפעטער — האט ערקלערט צום סוף מיניס־טער מוטע — וואלט געקענט קומען אין בעטראכט אויך א פינאנציעלע הילף, אבער בלויז אין דעם פאל ווען מיר וועלען האבען די זיכערהייט, אז די אונטערנעהמונג וועט זיין ערפאלגרייך"

שארפער סאוויעטישער ענטפער

אויף דער ענגלישער נאטע מכח פרייוויליגע קיין שפאניען

מאסקווא, 18 (ספ. טעל.)

דער אויסערן־קאמיסאריאט האט געכטען גע־מאלדען דעם טעקסט פון סאוויעטישען ענטפער אויף דער בריטישער נאטע פונם 9 יאנואר ד. י. מכח דעם פערבאט צו שיקען פרייוויליגע קיין שפא־ניען.

ליטווינאוו האט אויף די ענגלישע פארשלאגען געענטפערט מיט אנ'אפיאג. ליטווינאוו פערופט זיך דערביי אויף צוויי דאקומענטען: 1) אויפ'ן בריף פון סאוויעטישען פארשטעהער אין לאנדא־נער קאמיטעט פון 4. דעצעמבער פ. י. מיט'ן פאר־שלאג אויסצובריינערן די נישט־אינטערווענץ פליכ־טען וועגען נישט־אינטערווענירען און וועגען איבער־געבען די קאנטראלע, אז עס זאלען אויסגעפיהרט ווערען די פערפליכטונגען; און 2) אויפ'ן מעמא־ראנדום פון 29 דעצעמבער, אין וועלכען די סא־וויעטען זענען מסכים צו שליסען אנ'אפמאך צווי־שען די פעראינטערעסירטע מלוכות מכח דעם פערבאט ארויסצושיקען פרייוויליגע ווי אויך ווער־גען די מיליטערישע קאנטינגענטען קיין שפאניען.

די דאזיגע דאקומענטען זענען לויט ליטווי־נאוו'ן, דער ענטפער אויף די ענגלישע פארשלאגען. וואס זענען ארויסגערוקט געווארען אין דער נאטע פון 9 ד. ח.

היות דער פארשטעהער פון די אויפשטענדישע — ווערט געזאגט אין מאוויעטישען ענטפער — האט אין פרינציפ נישט מסכים געווען אויפ'ן דערמאנטען פראיעקט וועגען קאנטראל איבער דער נישט־אינטערווענץ, כאטש בנוגע קריגס־מאטער־יאל, האט די סאוויעטישע רעגירונג אין דעם אנ־גערופענעם מעמאראנדום פארגעלעגט צו בעטראכ־טען אזא מאדוס פון קאנטראלע, וואס וואלט גע־קענט רעאליזירט ווערען אהן דער הסכמה פון די אויפשטענדיגע.

לויט דער מיינונג פון דער מאסקווער רעגירונג איז דאס אנווענדען איינזייטיגע פראהיביציע־מיט־לען אויסשליסליך דורך געוויסע מיטגלידער פונם לאנדאנער קאמיטעט בעת אנדערע זענען נישט נאר פריי פון פערפליכטונגען, נאר פיהרען פאקטיש ווייטער ארוים מיליטער־טראנספארטען קיין שפא־ניען, מוז ברענגען צו א ממשות'דיגער אינטער־ווענץ לטובת גענעראל פראנקא.

צוליב די דערמאנטע טעמים האלט די סא־וויעט־רעגירונג פאר נישט צוועקמעסיג צו געהן אויפ'ן וועג פון אנווענדען איינזייטיגע מיטלען, הגם זי שיקט איצט נישט קיין פרייוויליגע קיין שפאניען.

בערלין, 18 (ספ. טעל.)

די פראנצויזישע און סאוויעטישע ענטפערס אויף דער ענגלישער נאטע פון 10 ד. ח. וועגען נישט־אינטערווענץ אין דער שפאנישער אנגעלע־גענהייט זענען אין די בערלינער פאליטישע קריי־זען אויפגענומען געווארען זעהר קריטיש. דעם פראנצויזישען ענטפער יארפט מען קודם כל פאר: „א בעשייטפערלעך צופאסען זיך צום סאוויעטישע ענטפער". אין דעם פאקט זעהט מען איין אין בער־לין א געוויסע איינהייטליכקייט אין דער שטעלונג פון ביידע רעגירונגען. מען ווייזט אן אויפ'ן פאקט, אז דער ענטפער פון פראנקרייך איז אין מאס קווא געווען בעקאנט נאך פאר דער פערעפענטליכונג.

פעטארדע=אויפרייסען

אין ווארשא און ווילנא

ווארשא, 18 (טעלעפאניש)

אויף קרוטשא גאס איז היינט שפעט אין אוונט זעהר שבעל פערבייגעפאהרען א טאקסי, פון וועלכער עס איז אין א געוויסען מאמענט ארויס געווארפען געווארען א פעטארדע, וואס איז געפאלען אויפ'ן הויז קרוטשא 35 און חרוב געמאכט דאס גאלאנטעריע־געוועלב פון ראובן ווייצענטרעגער; דאס שויפענסטער איז מיט א געוואלדיגען אפהילך ארויסגעפאלען און די סחורות זענען חרוב געווארען. צוויי יודישע דורכגעהער זענען פערוואונדעט גע־ווארען.

* * *

ווילנא, 18 (טעלעפאניש)

די פערגאנגענע נאכט, ארום 3 א זייגער, האט אויפגעריסען א פעטארדע, וואס איז אונטערגע־לעגט געווארען ביי דער רעדאקציע פון „ווילנער טאג". דער קנאל פון אויפרייס איז געווען אזא מעכטיגער, אז מיטאמאל זענען ארויסגעפאלען עט־ליכע הונדערטער שויבען פון די ארומיגע הייזער. אין דער זעצעריי פון „ווילנער טאג" זענען אומגע־פאלען צוויי קאסטענס שריפט און דער אויסגע־שטעלטער זאץ.

ארום 2 א זייגער פון דער זעלביגער נאכט האבען נאכט־וועכטער אויף דער ברייטע גאס גע־בען ראבינאוויטש'ס געשעפט פון פאטאגראפישע אפאראטען געפינען א פערדעכטיג פעקעל און זיי־גען דעם מודיע געווען דער פאליציי, וועלכע האט פעסטגעשטעלט, אז דאס פעקעל ענטהאלט א פע־טארדע מיט א זייגער־מעכאניזם. די פעטארדע, וואס האט אויפגעריסען ביים „ווילנער טאג" איז אויך געווען פערזעהען מיט אזא מעכאניזם.

די אויספארשונג איז אין גאנג,

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אין ווארשא

נ"ע משה גארפיין

(בירגער פון דער שטאדט לאדז)

די לויה קומט פאר היינט, 1 א זייגער בייטאג אין ווארשא פון טרויער־הויז, זאמענהאף־גאס 10. וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די אין טיפען טרויער פערבליבענע פרוי און פאמיליע

גרויסער רבנים=צוזאַמענפאָהר וועגען דער שחיטה=גזירה

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש)

היינט עפענט זיך אין וואַרשאַ דער גרויסער צוזאַמענפאָהר פון די רבנים אין פוילען שוין נעכטען זענען אָנגעקומען עטליכע צענדליג רבנים צווישען זיי דער פאַביאַניצער רב ר' מענדעלע אלטער, דעלעגאַציעס פון די רביאישע הויפען פון באָבאָוו, בעלז, אלעקסאַנדער. דער גערער רבי וועט צו דער אסיפה נישט קומען ווייל ער שפירט זיך שוואַך און געפינט זיך אין אַ וואַלד.

די זיצונגען פון רבנים-צוזאַמענפאָהר וועלען זיין געשלאָסענע. פאַרוואָס, איז נישט פערשטענדליך.

די ערשטע פראַגע וועט זיין דער ענין כשרות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שחיטה-געזעץ. בעזונדערס וועלען די רבנים בעטראַכטען די פראַגע פון טרייבערען דעם הינטער-טייל. זעהר אָנגעוועהטאָגט איז די פראַגע וועגען אָרגאַניזירען די קהלות נאָכ'ן עס, ווי די הכנסות פון דער שחיטה האָבען זיך אַזוי פערקלענערט.

אין דער לעצטער מינוט מעלדעט מען, אז עס זענען געקומען צו דער אסיפת הרבנים אויך פיל רביים.

אין סך-הכל זענען שוין אָנגעקומען העכער 100 גדולי התורה

וואַרשאַ, 18 (ספּ. טעל.)

פאַר'ן אָנהויב פון דעם רבנים-צוזאַמענפאָהר וועגען דער שחיטה-גזירה און אַלע איהרע טרויעריגע בעגלייט - ערשיינונגען, האָבען עטליכע צענדליג רבנים און רביים פון אַלע עקען פוילען און גאַליציען נעכטען א גאַנצען טאָג ביז שפעט ביינאַכט אָפּגעהאַלטען א פערטרויליכע זיצונג, אויף וועלכער עס זענען אַרומגערעדט געוואָרען ענינים, וואָס זענען נוגע דעם כשרות, ניקור, א. אז. וו. קיין קאָמוניקאַט איז נישט פערעפענטליכט געוואָרען.

די טשיזשעווער יודען אין גרויסער נויט

וואַרשע, 18 (יט"א טעלעגראַפיש)

אין וואַרשאַ וויילט איצט א דעלעגאַציע פון דער יודישער קהלה אין טשיזשעוו אין די פערזאָנען פון די ה"ה חיים שפאַקאָוויטש און עקיבא סמוטשינסקי, וועלכע אַפּעלירען וועגען הילף פאַר די טשיזשעווער יודען און שילדערן די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע און די נויט, וועלכע הערשט צווישען דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג.

אין נאָמען פון די טשיזשעווער יודען דריקט אויס די דעלעגאַציע א דאַנק דעם „דזשאָינט" מיט דיר. י. גוטערמאַן בראָש פאַר דער ערטיילטער הילף. די דעלעגאַציע דאַנקט אויך דעם וואַרשאַווער ראַבינאַט און דער וואַרשעווער קהלה, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען אינטערעס פאַר'ן גורל פון די טשיזשעווער יודען און האָבען דעלעגירט זייערע פאָרשטעהער צו דער לויה פון יודישען קרבן פון די טרויעריגע געשעהענישען.

אין וואַרשאַ הויבט מען היינט אן טרייבערן די הינטערשטע טיילען פון די בהמות

קריסטליכע פליישער קלאַפּען טרעוואָגע, אז עס האַלט מיט זיי שמאָל

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש)

מאָרגען (היינט, דינסטאָג) הויבט מען אָן אין וואַרשאַ צו טרייבערן די אונטערשטע טיילען פון די כשר-געשאָכטענע בהמות. דער ניקור וועט פאָרקומען אונטער דער פערזענליכער השגחה פון הרב פויזנער, וועלכער האָט די לעצטע טעג דורכגעפיהרט בעראַטונגען מיט א גרויסען שטאַב נאַמנים און מנקרים.

אויפ'ן פלייש-מאַרק אין וואַרשאַ איז אַריינגעטרעטען א געוויסע ענטשפאַנונג און כשר פלייש איז אַביסעל ביליגער געוואָרען. דאַגעגען פון די קרייזען פון די קריסטליכע פליישער הערען זיך אָנגעלאָמען, אז די קאָנסומציע פון פלייש איז פערקלענערט געוואָרען, צוליב וואָס די לאַנד-ווירטען לייזען וויניגער דערפאַר. זענען לעבעדיגע בהמות טייערער געוואָרען.

קאָנפערענץ וועגען די יודען אין פוילען

וועט פאָרקומען סוף יאַנואַר אין אמעריקא

ניו-יאָרק 18 (יט"א טעלעגראַפיש)

לויט דער איניציאַטיוו פון יודישען קאָנגרעס וועט דעם 31 יאַנואַר אין ניו-יאָרק פאָרקומען א גרויסע קאָנפערענץ וועגען אונטערנעהמען א גרויסע הילפס-אַקציע לטובת די יודען אין פוילען.

אין דער דאָזיגער קאָנפערענץ זאָלען זיך בעטיילינען א ריהע אָנגעזעהענע נישט-יודישע פערזענליכקייטען פון אמעריקא.

וויאַזוי וועט בעזאָרגט ווערען מיט כשר פלייש

די יודישע בעפעלקערונג אין פאָמערן

גדיניע, 18 (יט"א טעל.)

פון דעם 1-טען יאַנואַר איז די יודישע בעפעלקערונג פון פאָמערן און דאַנציג נישט געווען בעזאָרגט מיט כשר פלייש.

אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די יודישע קהלות אין טאָרן, גדיניע און גרודיאָנץ האָט די מאַכט ערלויבט צו שחט'ן כשר-פלייש אין אלעקסאַנדראָוו און פון דאָרט וועט דאָס פלייש פערטיילט ווערען איבער גאַנץ פאָמערן.

פוילישע רעגירונגס=דעלעגאַציע הייז אמעריקא צו אינטערנאַציאָנאַלער טעקסטיל=קאָנפערענץ

וואַרשאַ, 18. (טעלעפאָניש) אין שייכות מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער טעקסטיל=קאָנפערענץ וועלכע איז צונויפגעקומען געוואָרען דורכ'ן אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטס-ביוראָ, לויט דער ביטע פון פרעזידענט רוזוועלט איז דעם 18 ד. ח. פאָרגעקומען אין מיניסטעריום פאַר געזעלשאַפטליכער שוץ א צווישען-מיניסטעריאַלע קאָנפערענץ מיט'ציל אויסצואַרבייטען די וויכטיגע מאַטעריאַלען פאַר דער דעלעגאַציע פון דער פוילישער רעגירונג, וועלכע פאָהרט אַרויס קיין וואַשינגטאָן אין דער העלפט פון חודש מערץ ד. י.

די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז אויס־יופאָרשען דאָס פראָבלעם פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע פון דעם שטאַנדפונקט, אז זי זאָל אויף א דירעקטען אָדער אונדירעקטען אופן האָבען א גינסטיגען איינפלוס אויף די סאָציאַלע בעדינגונגען פון דער אינדוסטריע.

דער פאַמיליע קושמיראַק און פאַמיליע לאַפּידוס
צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען
פאָטער נ"ע
אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.
א. קויפמאַן און פרוי.

צו אַלע קוה-בעזיצער!
מיר רופען אויף היינט
א פערזאַמלונג
פון אַלע מיטגלידער און נישט-מיטגלידער פינקטליך צו ערשיינען 4 א זייגער נאָכמ אין פעראיין פאָטאַרסקאַ 15.
איהר מוזט אַלע קומען, וועגען אייער אייגענעם אינטערעס.
מיט אכטונג די פערוואַלטונג

וויכטיג פאַר דאַמען
נאָר פאַר 2 זל. ווערען איבערגעמאַכט די אַלטמאָדישע היטען
אויף גאַנץ נייע ווי אויך נייע היטען צו 3.50
„TOLA"
25 Zawadzka 25

כעמיש=באַקטעריאַלאָגישע לאַבאָראַטאָריוּם,
פ. שאַץ
פּיעטריקאַווער 37

גלייכצייטיג, הלל
שטשעשליווי
א גרויסער אויסוואַהל פון אָריגינעלע בילליגער און טאַמאַשאָווער סחורות
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען
אויך פערשידענע רעשטען
מיט אַ איבערצייגט אייך
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 נאַוואָמיעסקאַ 5
טעל. 156-09.
נעבענט פראַנט II שטאָק.

די מעכאַנישע שלאָסעריי
פון י. רעדער
11-טער ליסטאָפּאַדאַ
פיהרט-אויס אַלער אַרט שלאָסער-אַרבייט, טיילען צו מאַשינען און שווייסונגען!

וויכטיג פאַר אַלעז!
גריפּבוינען, יאַנהערעטען, יעלנוניען, טעמאַראַנדעס, חתונה-קאַרטען, זערש, עטיקעטען
טימען-עטיקעטען, טאַס-ביבער, בריוו-קאָפּקעטען, טריקאָ-עטיקעטען, שפּרימף באַנדראָלען, און החיטאַריבשען
מיט די מאָדערנסטע שריפטען
די שנעל-דרוקעריי
בראַמבערג
לאָדז, צעגעלניאַנאַ 8 טעל. 255-09

Dr.
Wajnberg
ספעציאַליסט פאַר לונגען-, האַרץ- און סקלעראָז קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעהמט אָן פון 9-10 פריה, 3-5, 8-9 אָוו.

Doktór
Klinger
ספעציאַליסט
פאַר ווענערישע, הויט, האָר און סעקסואַל-קראַנקהייט
Andzrzeja 2, tel. 132-28
נעמט אָן פון 9—11 פאַרמ. און פון 4—8 אָוו.

Dr. med
J. Nadel
ספעציאַליסט פון אַקושעריע- און פרויען-קראַנקהייטען.
אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228-92
נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוו.
אין דער לעטשניצע בזשעזשינער 11 פון 12 ביז 1 בייטאָג.

Doktór
Daniel Kon
שטערלינגאַ 5 טעל. 228.08
אינערליכע און נערווען-קראַנקהייטען
עלעקטראָ-טעראַפּיע
נעהמט אָן פון 5 ביז 7 אָוונד.

ד"ר העללער
ספעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנק... און מענער - שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען — א ספּעציעלער וואַרטע-זאַ
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

Dr. med.
P. Braun
ספעצ. פאַר טריפּער, סיפילים און הויט - קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
צעגעלניאַנע 4, טעל. 100-57
נעמט אָן פון 8—2 מיטאָג און פון 4—9 אָוו.
ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען.

אַכטונג, לאַקאַטאַרען און סובלאָקאַטאָרען!
ווער פון אייך ס'האָט אַן עקסמיסיע, א דירה-געלד-פּראָצעס אָדער אַן אַנדערען וואוינונגס-ענין, מוז זיך תיכף ווענדען אין יוד. לאַקאַטאָרען-פאַראיין (פּיעטריק. 31) און ער וועט גלייך בעקומען דינויטיגע הילף.
דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך פון 6 ביז 9 אָוונד.

Dr. med. Niewiażski
ספעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפילים און הויט - קראַנקהייטען בעהאַנדלונג פון מענער - שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פראַנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוונט
זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער וואַרטע - זאַל פאַר פרויען
נעמט אָן פון 9-11 און פון 6-8 אָוונט

Dr. Ø. Łagunowski
specjalista
chorób wenerycznych, seksualnych i skórnych
(Gabinet Roentgeno- i światło-leczniczy)
PIOTRKOWSKA 70 tel.181-83
Przyjmuje: od 8.30 do 10.30 rano, od 1-ej do 2.30 pp. i od 6 do 8.30 wiecz w niedziele i święta od 10—1.

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פאַריז.
ספעצ. פאַר פרויען קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט.
ספעצ. פון היילען אונפרוכטבאַרקייט.
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—8 אָוונט

Doktór
A. S. TENENBAUM
אינערליכע קראַנקהייטען (ספּעציעל לונגען)
Piotrkowska 109
tel. 220-25.
נעהמט אָן פון 6—8 אָוונד.

Dr. med.
Michał Eljasberg
CHIRURG
przeprowadził się
na ul. Zachodniej 63
tel. 117-87.

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
ספעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11. טעלעפאָן 246-09.
נעמט אָן פון 8—9 פריה און פון 4—8 אָוו.

קלאנגען, אז גענעראל מאלא דערהרג'עט
שווערע מפלות פון די שפאנישע פאשיסטען

פאריז, 18 (ספ. טעל.)
עס קורסירען קלאנגען, אז גענעראל מאלא, איינער פון די הויפט־קאמאנדיר'ען פון דער פאשיסטישער ארמעע אין שפאניען איז אומגעקומען בעת די לעצטע שלאכטען ארום מאדריד. פון די פאשיסטישע קוועלען איז נישטא קיין בעשטעטיגונג פון דער ידיעה. די קאמפען ביי מאדריד הויערען כסדר, אבער עס איז שוין זיכער, אז די פאשיסטישע מיליטער אפטיילונגען זענען נישט אימשטאנד דורכצוברעכען די שטארקע פערטיידיגונגס־ליניע פון רעגירונגס־מיליטער, וואס קעמפט מיט דער גרעסטער העלדישקייט. צווישען פאשיסטישען מיליטער הערשט דעריבער א גרויסע אונצופרידענהייט, ווייל זייערע גענעראלען האבען זיי איינגערעדט, אז זיי וועלען אבהאלטען לייכטע נצחונות. עס ווערט אויך געמאלדען, אז 4 אעראפלאנען זענען פון די פאשיסטען אריבער אויף דער זייט פון דער רעגירונג.

מאדריד, 18 (ספ. טעל.)
דער ראט צו פערטיידיגען מאדריד איז מודיע, אז אויפ'ן מאדרידער פראנט, אויף די אפשניטען פון דעם אוניווערזיטעט־שטעטל און מאנקלאא זענען פארגעקומען פערביסענע קאמפען. די אנשטרענגונגען פון די אויפשטענדיגע ארויסצושטויסען די רעגירונגס־אפטיילונגען פון די פאזיציעס ארום אוניווערזיטעטס־קווארטאל, האבען זיך געענדיגט מיט זייערס א גרויסער מפלה.

אויפ'ן גוואדאלאחארער פראנט זענען די אנגריפען פון די פאשיסטען אויף די פאזיציעס פון רעגירונגס־מיליטער אין שכנות פון איואנאדעס, אפגעשטויסען געווארען. די רעגירונגס־פליהער האבען ערפאלגרייך באמבארדירט דעם פארט מעלילא.

פאריז, 18 (ספ. טעל.)
די לעצטע עטליכע טעג אויף די שפאנישע פראנטען האבען זיך אויסגעצייכענט מיט פערביסענע שלאכטען.

בעזונדערס פעריביסען זענען די קאמפען פארגעקומען אויפ'ן מאדרידער פראנט.

די גרויסע נצחונ'ת פון די אויפשטענדער פון דער פאריגער וואך וואס האט זיי גורם געווען אזוי פיל קרבנות — איז איצט צו נישט געווארען. דאס רעגירונגס־מיליטער האט בעוויזען צוריקצונעהמען אלע פערלוירענע פאזיציעס און וואר ערא ביערען פרישע בעפעסטיגטע פאזיציעס פון די אויפשטענדער.

א מוראדיגע שלאכט איז זונטאג פארגעקומען אויפ'ן אוניווערזיטעטס־אבשניט.

דאס רעגירונגס־מיליטער האט אויפגעריסען דעם בנין פון דער קליניק און זיך אהין אריינגעריסען.

די אויפשטענדער האבען זיך אויסבעהאלטען אויף די העכערע שטאקען זיי זענען אבער געבליבען ארומגערינגעלט און זיך נישט געקאנט ריהרען פון ארט.

צוויי מאל האבען די איינגעשלאסענע געפרובט זיך דורכרייסען אבער אהן ערפאלג. די טרעפ, וואס פיהרען צו די העכערע שטאקען זענען אויפגעריסען געווארען.

אין די אווענד־שעה'ן האבען די אויפשטענדער געפרובט קומען צו הילף די איינגעשלאסענע אין דער אוניווערזיטעטס־קליניק.

זיי זענען אבער בלוטיג אבגעשלאגען געווארען. אויף דעם זעלבען אבשניט איז אן אנאכטיילונג מאראקאנער אין דער פולער בעוואפנונג אריבער אויף דער זייט פון רעגירונגס־מיליטער.

מאדריד, 18 (ספ. טעל.)
דער אנפיהרער פון דער פערטיידיגונג פון דער הויפטשטאט גענעראל מיאכא האט היינט איבערדערפריה ערקלערט, אז בעת דער אפענסיוע, וואס דאס רעגירונגס־מיליטער האט נעכטען אונטערגענומען אויפ'ן אפשניט פון אוניווערזיטעטס־שטעטעל זענען אויף דער זייט פון די אויפשטענדיגע געפאלען לערך טויזענד טויטע און פיל פערוואונדעטע.

מיט עטליכע חדשים צוריק — האט געזאגט גענ. מיאכא — האט זיך אנגעהויבען די דאזיגע מלחמה. איצט איז נויטיג, אז מיר זאלען די דאזיגע מלחמה געווינען פאר'ן אפפליסען פון די אנדערע 6 חדש ים.

סעוויל, 18 (ספ. טעל.)
די היגע ראדיא־סטאציע מעלדעט, אז גענ. קאבאנעלאס איז ארויסגעפאהרען פון איוידא קיין גריאדא, בכדי זיך צו טרעפען מיט'ן גענ. ארענדא. גענ. קאבאנעלאס איז נאכדעם ארויסגעפאהרען אויף א ווייטערדיגער אינספעקציע־רייזע אין דער פראווינץ גאליסיען.

בארצעלאנא, 18 (ספ. טעל.)
אין דער פערגאנגענער נאכט, ארום 2 א זייגער האט די אויפשטענדיגע שיף „לא קאנאריאס", וואס האט זיך געפינען לערך 25 קילאמעטער פון דער שטאט, בעשאסען בארצעלאנא. די באטעריע פון דער פעסטונג מאנטזש, האט געצוואונגען דעם אטאקירענדיגען דאמפער זיך צוריקצוציהען און פלינק אוועקשווימען. אין אלגעמיין האט די פאשיסטישע שיף געגעבען 40 שאסען, פון וועלכע עס איז צופעליג פערוואונדעט געווארען איין מענש

לאנדאן, 18 (ספ. טעל.)
„רייטער" מעלדעט: אויף דער זייט פון רעפובליקאנישען מיליטער קעמפען אין שפאניען 40,000 אויסלענדער, אויף דער זייט פון די אויפשטענדיגע 32 טויזענד, דערונטער 20 טויזענד איטאליענער און 12 טויזענד דייטשען

הסכם צווישען בארצעלאנא און וואלענסיא
בנוגע דער ווייטערדיגער פערפעסטיגונג פון דער קאטאלאנישער אויטאנאמיע

בארצעלאנא, 18 (ספ. טעל.)
דער סעקרעטאר פון דער קאטאלאנישער גענעראליטאד, ראממאן סלפרט האט איבערגעגעבען פרעסע־פארשטעהער, אז אויף דער פרייטאגדיגער זיצונג האט פרעזידענט קאמפאניס אינפארמירט די מיטגלידער פון דער רעגירונג וועגען ועשפרעך, וואס קאמפאניס האט מיט 2 טעג פריהער געהאט מיט'ן פרעמיער קאבאלערא. ווי ס'שטעלט זיך ארויס, איז דאס געשפרעך געווען געווידמעט פינאנציעלע ווירטשאפטליכע און קולטורעלע ענינים ווי אויך פראגען פון מיליטערישען און פאליטישען כאראקטער בנוגע וועלכע עס איז געקומען צו א פערשטענדיגונג. אין רעזולטאט פון די געשפרעכען זענען די אלע פראגען איינגעפאסט געווארען אין א מעמאריאל, וואס איז דורכ'ן גענעראליטאד אמטליך איבערגעשיקט געווארען צו דער רעגירונג אין וואלענסיא.

אין פינאנציעלער הינזיכט פאדערט די קאטאלאנישע רעגירונג נישט בלויז. רעכט צו אינטערווענירען אין דער שפאנישער באנק, נאר פערלאנגט אויך רעכט צו געניסען פון די צאל־אפצאהלונגען בכדי אזויערנאך צו פערשטארקען דעם אינערליכען האנדעל אין קאטאלאניען זוי אויך כדי לייכטער צו קענען אין אויסלאנד איינקויפען רויה־שטאפען. אין מיליטערישער הינזיכט וויל די קאטאלאנישע רעגירונג, ביי דער מיטהילף פון דער צענטראלער שפאנישער רעגירונג, ווייטער האלטען א רעגולערע קאטאלאנישע ארמעע, וועלכע זאל זיין אפהענגיג פון הויפט גענעראל־שטאב.

איבערגעריסען וואפענשטילשטאנד אין כינא
די בלוט־פערגיסונג ווערט בעניי'ט

נאנקין, 18 (ספ. טעל.)
דער וואפענשטילשטאנד ענדיגט זיך היינט האלבע נאכט. די נייע אפענסיווע בעגעגען סיאן־פו וועט זיך תיכף אנהויבען. די סבה פון פלוצלינגען איבעררייסען דעם וואפענשטילשטאנד איז געווען דאס, וואס יאנגהו־טשינג, וועלכער האט זיך פראקלאמירט אלס גובערנאטאר פון דער פראווינץ שאן־סי האט אומגעריכט ארויסגעשטעלט צו נאנקין א רייהע נייע פאדערונגען, צווישען אנדערען אויך א פאדערונג פון אויטאנאמיע פאר דער פראווינץ שאן־סי.

שאנכיי, 18 (ספ. טעל.)
דער פארזיצער פון פאליטישען ראט וואנג־טשין־וועי איז אנגעקומען קיין נאנקין, וואו ער האט פאר די מיטגלידער פון קאמינגטאנג געלעזען א כאראקטעריסטישע דעקלאראציע. רעדענדיג וועגען דער אויסערן־פאליטיק האט וואנג־טשין־וועי ערקלערט, אז כינע שטרעקט אויס די הענד צו אלע פעלקער, וועלכע האבען נישט קיין אגרעסיווע כוונות בנוגע כינא. פונדעסטוועגען קאן כינא נישט רעדען וועגען פריינדשאפט, וויבאלד זי איז דער קרבן פון אטאקעס. מיר וועלען פערגיסען אונזער בלוט — האט ער געזאגט — ביז וואנען מיר וועלען דערשטיקען די אגרעסיווע מאנעווערען.

אנקניפענדיג זיין רעדע צו דער יאפאנישער פראפאגאנדע וועגען שליסען אנ'אפמאך צים קאמף מיט'ן קאמוניזם, האט וואנג־טשין־וועי ווידער ארויסגערוקט די רעגירונגס־טעזע, אז דאס בעקעמפען דעם קאמוניזם אין כינא, איז א אינערליכע זאך פון די כינעזער. די כינעזישע רעגירונג איז גענוג שטארק, אז זי זאל קענען דערשטיקען דעם קאמוניזם און זי וואלט דאס שוין געטון, ווען זי וואלט נישט געהאט אויסצושטיין צרות פון אינערליכע שונאים.

גערינג'ס געשפרעכען אין איטאליען

פאריז, 18 (ספ. טעל.)
וועגען פרעמיער גערינג'ס געשפרעכען אין רוים ווערען דורך דער פרעסע ארויסגעזאגט כלערליי בעהויפטונגען. געוויסע צייטונגען זענען זיכער, אז עס איז בעריהרט געווארען די שפאנישע פראגע, בנוגע וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען ווי אזוי איינהייטליך צו האנדלען. ספעציעל איז בעשטימט געווארען דעם אלגעמיינעם ענטפער אויף דער ענגלישער נאטע. דער ענטפער וועט זיין א מעסיגער, בכדי נישט צו טערטשעפען ענגלאנד, צו וועלכער עס שדכנען זיך סיי רוים, סיי בערלין.

בנוגע מיטעל־איירופא האט געזאלט בעריהרט ווערען די פראגע וועגען עסטרייך און מינ. גערינג זאל בקרוב פאהרען קיין וויען. אין צוזאמענהאנג דערמיט זאל רעקאנסטרירט ווערען שושניגג'ס קאבינעט.

* * *

נעאפאל, 18 (ספ. טעל.)
נאכ'ן פריהשטיק אין קעניגליכען פאלאץ האט פרעמיער גערינג און פרוי געמאכט א שפאציר איבער דער שטאט און איינגעקוקט א רייהע בראנ־זענע אבגוסען פון אלטערטימליכע קונסטווערק, וואס זענען אויסגעגראבען געווארען פון חורבות פון פאמפעי.

צעבונטעוועטע ארעסטאנטען
צינדען אונטער די תפיסה און אנטלויפען

טארנטא, 18 (ספ. טעל.)
אין דער תפיסה פון זשעלף, אין דער פראווינץ אנטאריא איז היינט אויסגעבראכען א בונט פון 150 ארעסטאנטען. די תפיסה־ניקעס בעוואפענטע מיט אייזנס, וועלכע זענען ארויסגעריסען געווארען פון די בעטלעך, האבען אטאקירט די טורמע־וואך. פארן אנקומען פון דער פאליציי האבען די צובונטעוועטע ארעסטאנטען בעהערשט די תפיסה־געביידעס, וועלכע זיי האבען אונטערגעצינדען און נאכדעם אנטלאפען.

פראנצויזיש־טערקישע געשפרעכען
וועלען זיך אנהויבען מארגען אווענד

גענף, 18 (ספ. טעל.)
מיניסטער דעלבאס און דער אונטערשטאטס־סעקרעטאר וויענא וועלען מיטוואך פריה דערווארט אין גענף. מינ. רושדי אראס וועט אנקומען דינסטאג אווענד. מינ. סאנדלער, דער בעריכטס־אפגעבער פון ראט פון דער פעלקער־ליגע וועגען דער פראגע פון אלעקסאנדרעטער סאנדזשאק געפינט זיך שוין אין גענף. מיטוואך אווענט וועלען זיך שוין אנהויבען די פראנצויזיש־טערקישע געשפרעכען אויפ'ן יסוד פון פארשלאג, וואס איז אריינגעטראגען געווארען דורך ביידע פראינטערעסירטע צדדים.

בוכארין ארעסטירט?

מאסקווא, 18 (ספ. טעל.)
פון נעכטען האט בוכארין אויפגעהערט אונטערצושרייבען די „איזוועסטיא" וועמענס פעראנטווארטליכער רעדאקטאר ער איז געווען. די צייטונג ווערט איצט אונטערגעשריבען דורך א רעדאקציע־קאלעגיע. לויט קלאנגען זאל בוכארין זיין ארעסטירט.

90־יעהריגע פרוי דערפרוירען געווארען צום טויט

ווארשא, 18 (טעלעפאניש)
אין וואלבארזש האט פאסירט פאלגענדער פאל: די 90־יעהריגע גיטעל שירלער, וועלכע איז געווען אויף א חתונה, האט אהיימקומענדיג האלב 4 ביינאכט נישט געוואלט אויפוועקען די טאכטער, ביי וועלכער זי וואוינט. דעריבער האט זי זיך אוועקגעזעצט אין הויז איבערווארטען ביז אינדערפריה, דערווייל איז זי אנטשלאפען געווארען. ווען מען האט דאס בעמערקט איז זי שוין געווען טויט. דער דאקטאר האט פעסטגעשטעלט, אז זי איז פערפרוירען געווארען.

1־טע לעטשניצע
מיט שטענדיגע בעטען
פאר כירורגיע פון ציינער, קיהן־באקען און יאסלעס
פון Dr. med.
Sadokierski
פיעטריקאווער 56, טעל. 129-77.
עמפפאנג גס־שעה'ן פון 9 פריה ביז 12 בייטאג.

שוידערליכער טויט פון א גערודפטען יודישען בעאמטען
צוליב שיקאנעס האט ער אין די אויגען פון זיינע בעפעהלער זיך אפגעשניטען דעם קאפ

לעמבערג, 18 (טעלעפאניש)
אין דער קאנצעלאריע פונם דירעקטאר פון דער לעמבערגער באהן־דירעקציע האט היינט זיך אפגעשפילט א גרויליגע טראגעדיע, וואס האט געקאסט דאס לעבען פון א יוד, וואס איז גערודפט געווארען אויף זיין ארבייטס־שטעל..

יוסף וואלף איז לאנגע יאהרען געווען אנגעשטעלט אין דער לעמבערגער באהן־דירעקציע. לעצטענס האט מען איהם אלס יוד גענומען שיקאנירען און אונאויפהערליך ארויסצוווארפען פון איין אפטיילונג אויף דער צווייטער. די טעג איז דער אויבציגער יודישער באהן־בעאמטער ווידער אריבערגעטראגען געווארען אין א נייער אפטיילונג, א זאך, וואס האט איהם יעדעס מאל פונקוי צובראכען. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז ער נעכטען אריינגעגאנגען צום באהן־נאטשעלניק אפביטען, אז מ'זאל די גזירה געגען איהם אפרופען. אז דאס בעטען און ווייטען האט נישט געהאלפען, האט יוסף וואלף אין די אויגען פון באהן־נאטשאלניק מיט א ראזיר־מעסער זיך אפגעשניטען דעם קאפ, פאלענדיג ווי א אינטערגעזשאכטער אין א טייך פון זיין אייגענעם בלוט.

אין לעמבערג האט דאס געשעהעניש ארויסגערופען א מורא'דיגען רושם.

פראיעקט צו ענדערן דעם אומזאץ־שטייער
ווערט מארגען בעטראכט ווערען דורכ'ן סיים

ווארשא, 18 (טעלעפאניש)
דער טאג־ארדנונג פון סיים־פלענום פון דעם 20. ד. ח. זעהט פאר די ערשטע לעזונג פון די רעגירונגס־פראיעקטען די געזעצען וועגען דער פוילישער ליטעראטור־אקאדעמיע, וועגען די דאקטוירים און דענטיסטישע קאמערען און א רייה פראיעקטען פון דעפוטאטען. דערונטער דער פראיעקט פון דעפ. יאנקע מכח ענדערען דעם אוסטאוו וועגען מלוכה'שען אומזאץ־שטייער.

דער דריטער פונקט פון טאג־ארדנונג נעמט ארום דעם ענטפער פון בילדונגס־מיניסטער אויף די אינטערפעלאציעס. פון איניגע דעפוטאטען יועגען שול־יועזען, דערונטער פון דער דעפוטאטין פרוי פריסטאר וועגען די אפטע צוזאמענשטויסען אין די פאוושעכנע שולען אויפ'ן רעליגיעזען און פאליטישען באדען צווישען דער לעהרערשאפט און די גייסטליכע.

יודענפיינדליכע ארויסטרעטונג

פון גריכיש־קאטוילישען בישאף פאר דער קעניגליכער קאמיסיע

זונטאג פאהרט אפ די קעניגליכע קאמיסיע פון א"י. — די לעצטע אראבישע ערקלערונגען. דזשאן דיל פאהרט קיין עגיפטען.

ירושלים 18 (יט"א טעל.)

אויף דער היינטיגער לעצטער עפענטליכער זיצונג פון דער קעניגליכער קאמיסיע איז טער'ן פאר־זיץ פון לארד פילל איז פערהערט געווארען דער גריכיש־קאטוילישער בישאף אין ירושלים.

די ערקלערונג פון בישאף איז געהאלטען געווארען אין א בולט יודען־פיינדליכען טאָן. דער בישאף האט זיך אפילו נישט אפגעשטעלט פאר דער בעהויפטונג, אז די יודען האבען פלומרשט בדעה צו פערכאפען די קירכען אויף דעם פלאץ, וואו עס איז געשטאנען דער בית־המקדש, אז זיי וועלען אויך „פערגוואלדיגען" די הייליגע מקומות, אויב זיי וועלען דאמינירען אין א"י א.א.וו.

די דאזיגע אינסינואציע איז געמאכט געווארען אהן שום שטערונג מצד דער קעניגליכער קאמיסיע, וועלכע האט נישט געהאלטען פאר נויטיג צו פרעגען דעם בישאף, אויף וועלכע יסודות שטיצט ער זיינע „בעהויפטונגען".

נאכדעם איז פאר דער קעניגליכער קאמיסיע ערשינען דער דירעקטאר פון דער אָרטיגער קוואַקער־שול ד"ר טאטאה. ד"ר טאטאה האט צוגעגעבען ערקלערט, אז 85 פראצ. פון דער אראבישער בעפעלקערונג בעשטעהט פון אנאלפאבעטען. וואס עס רופט זיך אפ אויף דעם אלגעמיינעם קולטור־רעלען ניווא פון לאנד.

דער הויך־קאמיסאר סער ארטור וואוקאפ טרעט ארויס אויף דער היינטיגער געשלאסענער אווענד זיצונג פון דער קאמיסיע אלס לעצטער עדות נאך וועלכען די אויספארשונג ווערט געשלאסען.

ירושלים, 18 (יט"א טעלעגראפיש)

מיט דער היינטיגער נאכמיטאג־זיצונג האט די קעניגליכע קאמיסיע פערענדיגט איהר אויספאר־שונגס־ארבייט אין א"י. די לעצטע געשעפטליכע זיצונג פון דער קעניגליכער קאמיסיע איז פארגעקומען ביי פערמאכטע טירען. עס איז אויסגעהערט געווארען דער הויך־קאמיסאר סער וואוקאפ.

צום פערענדיגען פון דער ארבייט פון דער קעניגליכער קאמיסיע מאכט יט"א פאלגענדע פעסט־שטעלונגען: די נאמינאציע פון דער קעניגליכער קאמיסיע איז אנגעקינדיגט געווארען דעם 16 יוני

פ. י. די נאמינאציע איז געמאלדען געווארען שוין דעם 17 יוני. דעם 5 נאוועמבער איז די קאמיסיע ארויסגעפאהרען פון לאנדאן און אנגעקומען קיין א"י דעם 11 נאוועמבער. דעם 12 נאוועמבער איז פארגעקומען די ערשטע פייערליכע זיצונג פון דער קעניגליכער קאמיסיע אין מער וואוקאפ איז ארויס געפאהרען פון א"י.

די ערשטע געשלאסענע זיצונג פון דער קאמיסיע איז אפגעהאלטען געווארען דעם 16. נאוועמבער, די ערשטע עפענטליכע זיצונג — דעם 18. נאוועמבער.

די קעניגליכע קאמיסיע האט אפגעהאלטען אין ס"ה 30 עפענטליכע און 18 פערטרויליכע זיצונגען.

ירושלים 18 (יט"א טעל.)

דער הויפט־אנפיהרער פון די בריטישע מיליטערישע קרעפטען אין א"י גען. דזשאן דילל פאהרט אב דינסטאג, דעם 19־טען ד. מ. קיין עגיפטען.

ירושלים 18 (יט"א טעל.)

היינט (מאנטאג) האט די קעניגליכע קאמיסיע אפגעהאלטען איהר לעצטע זיצונג און האט פער־ענדיגט איהר אויספארשונג אין א"י.

אלס לעצטער עדות איז פערהערט געווארען אויף א געשלאסענער זיצונג פון דער קעניגליכער קאמיסיע דער הויך־קאמיסאר סער ארטור וואוקאפ.

די קעניגליכע קאמיסיע וועט נאך פערברענגען איינינע טעג אין א"י און וועט בעזוכען איינינע פונקטען אין לאנד.

זונטאג, דעם 24־טען ד. ח. פערלאזט די קעניגליכע קאמיסיע א"י און פאהרט אב קיין לאנדאן.

ירושלים 18 (יט"א טעל.)

דער לעצטער אראבישער עדות פאר דער קעניגליכער קאמיסיע איז היינט געוועזען דער קריסטליך־אראבישער אדוואקאט גארג אנטאניוס. ער האט גערעדט וועגען דער אראבישער אויסטייטשונג פון די סיבות, וואס האבען גורם געווען די לעצטע אונרוהען אין א"י. ער מיינט, אז די הויפט־סיבה איז דאס, וואס די רעגירונג איז נישט פאסיג ארגאניזירט און די רעגירונגס־אדמיניסטראציע שלינגט איין פאנטאסטישע געלד־סומען. די צווייטע סיבה — מיינט אנטאניוס — איז דאס, וואס די אראבער פיהלען, אז זיי ווערען ערגער בעהאנדעלט ווי די יודען.

לארד פיל: פונקט דאס זעלבע טענה'ן דאך די יודען אין בעצוג אויף זיך.

אנטאניוס: און דאך האבען די אראבער דאס געפיהל, אז מחמת דער יודישער אימיגראציע און דער באדען־פאליטיק פון דער רעגירונג ווערען די אראבער שוואכע'ע'ר'ה'ט

עס איז אויך ארויסגערופען געווארען א צווייט מאל אוני־ביי אבדול־האדי, וועלכער האט גע'ארפט געבען אויפקלערונגען צו א כלומרשט שלעכטער איבערזעצונג פון אראביש אויף ענגליש פון זיין פריהעריגער ערקלערונג וועגען דער בעציהונג פון די אראבער צום פראיעקט וועגען א „קאנפערענץ פון רונדען טיש". אוני־ביי האט אויפגעקלערט, אז מיט דער ערקלערונג האט ער געהאט בדעה צו זאגען, אז אין די איצטיגע בעדינגונגען זענען די אראבער נישט גרייט צו געהען צו א קאנפערענץ פון רונדען טיש מיט די ענגלענדער און יודען.

אויסערארדענטליכע סעסיע פון מאנדאט־קאמיסיע

צו בעטראכטען א"י־פראגען ווערט פארקומען אין יוני

ג ע נ ף, 18 (יט"א טעלעגראפיש)

די נאהענטסטע אויסערארדענטליכע סעסיע פון דער מאנדאט־קאמיסיע צו בעטראכטען א"י־פראגען ווערט פארקומען עטליכע טעג פאר דער געוועהנליכער סעסיע פון דער מאנדאט־קאמיסיע.

די געוועהנליכע סעסיע פון דער מאנדאט־קאמיסיע ווערט פארקומען דעם 17 יוני און ווערט זיך בעשעפטיגען אויסשליסליך מיט פאלעסטינא־ענינים, דערביי ווערט אפגעגעבען ווערען א בעריכט פון דער טעטיקייט פון דער קעניגליכער קאמיסיע אין א"י.

די זיצונג פון דער מאנדאט־קאמיסיע האט געזאלט געדויערט ווערען אויף, א פריהערדיגען טערמין; דער בעריכט פון דער קעניגליכער קאמיסיע ווערט אבער פריהער נישט זיין פערטיג.

גענעראל־סעקרעטאר פון א"י־רעגירונג

בעשטימט אלס רעזידענט פון א מזרח־אפריקאנישען סולטאנאט

ירושלים, 18 (יט"א טעלעגר.)

אפיציעל ווערט געמאלדען, אז דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער א"י־רעגירונג מיסטער האל פערלאזט זיין אמט אין ארץ ישראל און ווערט בעשטימט אלס בריטישער רעזידענט ביים סולטאנאט זאנזיבאר, וואס איז א גרופע אינזלען אין מזרח־אפריקא, וואס איהר בעפעלקערונג בעשטייט פון הינדוסען, אראבער און נעגער.

זייט 1931 האט ענגלאנד דעם מאנדאט איבער דעם דאזיגען סולטאנאט, איבער וועלכען עס ווערט אויסגעפיהרט די הערשאפט דורכ'ן סולטאן און דעם בריטישען רעזידענט.

מיסטער האל האט פערנומען זיין אמט אין א"י זייט 1931.

עגיפטישע פאליציי ווערט געבראכט קיין א"י

קריסטליכע אראבער וועגען דער אנארכיע און רויבער־באנדעס אין לאנד. — מוזולמענער הערען נישט אויף העצען. — ירידה פון אראבישען יפו נאך די אונרוהען. — טעראר רואינירט אראבישע ווירטשאפט

ירושלים. (יט"א) „אל־אהראם" (קאאירא) מעלדעט, אז דער בריטישער פאליציי קאמענדאנט פון יפו איז אבגעפלויגען קיין אלעקסאנדריען, כדי צו פערהאנדלען מיט דער עגיפטישער פאליציי וועגען אריבערנעמען קיין א"י אלס בריטישע פאליציאנטען פון עגיפטען. וויפיל וועלען אפגעזאגט ווערען פון זייערע פאסטענס אין הסכם מיט'ן בריטישען גיפטישען אפמאך.

די רעגירונגס אפטיילונג פאר עפענטליכע ארבייטען טרעט איינגוכען צו בויען צוויי נייע געביידעס פאר דער תל־אביב'ער פאליציי. אין איין געביידע וועט זיך געפינען הויז די פאליציי ביורא'ען א וואוינונג פאר 16 אונטערהייראטע פאליציאנטען מיט א קליינעם ארעסט און אין דער צווייטער געביידע וועלען אויסגעבויט ווערען 12 וואוינונגען פאר פער היראטע פאליציאנטן.

די אראביש קריסטליכע צייטונג „מיראאת על שארק'", וועלכע ערשיינט אין ירושלים, איז ארויס געטרעטען מיט א שארפען ארטיקעל געגען דער אנארכיע, וועלכע הערשט אין לאנד, און פאדערט פון דער רעגירונג, אז זי זאל מאכען א סוף צו דעם ראזבוי צושטאנד. דאס איצטיגע פראבלעם — שרייבט די צייטונג — איז נישט קיין אראבישיש פראבלעם און נישט קיין פראבלעם וואס איז נוגע נאר די אראבער מיט די ענגלענדער. דאס פראבלעם איז נוגע די עפענטליכע זיכערקייט און גערעכטיגקייט. וואו איז די רעגירונג? פרעגט איצט יעטוועדער אין א"י, צי איז דען פערהאן א רעגירונג אין לאנד? אונטער טערקישען רעזשים, ווען עס האט פאסירט א מארד האט מען דעם מערדער גלייך געכאפט איצט ווידער — אונטער'ן רעזשים פון דער ענגלישער מאנדאטאר מאכט — קומען פאר טאג טעגליך די געוואגסטע רויב אנפאלען און מארדען און עס איז הפקר. שעמען מעג זיך די א"י רעגירונג. זי איז דאך נאר קיין רעגירונג נישט. די איינוואוינער פון לאנד נייטיגען זיך אין א רעגירונג, וואס זאל אויסוואָרצלען אלע פערברעכענס אכישט וועט דא הערשען רויב און מארד און די אנארכיע וועט זיך נאך אבער מעהר פערשטאר־קען.

די דאזיגע שטים איז אבער אין דער אראבישער פרעסע א פעראיינצעלטע. אין דער מוזולמענישער נעזעלשאפט ווערט דאנגען אונאויפהערליך גע־פיהרט די טעראר אגיטאציע, וועלכע איז די לעצטע טעג (אין צוזאמענהאנג מיטן ערשיינען פון די אראבער פאר דער קעניגליכער קאמיסיע) פערשטארקט געווארען פון דער פרעסע אזוי ווערט איבערגעגעבען, אז נאך די תפילות אין די משטשעטען רופט מען די אראבער אפצושטעלען דעם טעראר. גלייכצייטיג הייסט מען זיי אבער זיין גרייט נאכדעם ווי די קעניגליכע קאמיסיע וועט פערענדיגען איהר ארבייט.

אנ'אראבער וועלכען מען האט די טעג בערויבט אויפן וועג צווישען צפת און עכו, האט געמאלדען דער פאליציי אז איינער פון די רויבער וועלכע זענען איהם בעפאלען האט געטראגען די אוניפארם פון א בריטישען פאליציאנט.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם מארד איבערן יפוי'ער אראבישען ארבייטער פיהרער מישעל מיטרי האט די פאליציי ארעסטירט אנ'אראבישען יונגענדליכען פון דעם דארף מיסקע ביי פתח תקוה. די פאליציי פערדעכטיגט איינעם פון די בעקאנטע אראבישע פיהרער אין ירושלים, אז ער האט אונגע־שטעלט דעם מערדער צו דער'הרג'ענען מישעל מיט רי'ן, כדי אפצוראמען א נעגנער פון וועג.

צווישען דעם בירגער־מייסטער פון יפוי און דעם וויצע דיסטריקט קאמיסאר פאר'ן דרום קרייז ווע־רען איצט געפיהרט פערהאנדלונגען וועגען פערקלע־נערן דעם בודזשעט פון דער יפוי'ער שטאט־פערוואל־טונג פון 150 טויזענט פונט אויף 90 טויזענט פונט. זייט די אונרוהען פון 1936 האבען זיך די הכנסות פון דער יפוי'ער זעלבסט־פערוואלטונג קאטאסטראפאל פערקלענערט צוליב דער אלגעמיינער ווירטשאפטליכער ירידה פון דער איצט יודען־ריי־נער אראבישער שטאט. וועלכע האט נאך חוץ לזה פערלוירען דעם לייבען טייל פון די הכנסות, וועל־כע עס האט געגעבען דער יפוי'ער פארט.

די גרויסע אראבישע פאפיראסען פאבריק „קא־ראמאן דיק עט סאלטי" אין חיפה האט געמאלדען דעם ארטיגען אראבישען ארבייטער פערבאנד, אז די פאבריק שליסט זיך און אלע 471 אראבישע אר־בייטער ווערען אפגעזאגט. די דאזיגע פאבריק איז געווען איינע פון די גרעסטע פאפיראסען פאברי־קען אין א"י. די סיבה פון דער ליקווידאציע איז דאס, וואס די אראבישע טעראריסטן האבען כס־דר שאנטאזשירט די איינגעטימער, וועלכע זשהען ענדליך נישט קיין אנדער אויסוועג ווי שליסען די פאבריק, כדי מעהר נישט צו מוזען צאהלען אויך קייף געלד די טעראר־באנדעס. דער עיקר צווישען די ארימערע שיכטען, הערשט לעצטענס א גרויסע אויפרעגונג צוליב דעם וואס אלע ארטיקלען פון ערשטען געברויך זענען די לעצטע צייט גע־שטיגען לערך 52 פראצ.

אויף א קאנפערענץ אין טבריה, אין וועלכע האבען זיך בעטייליגט סוחרים, האטעל איינענטי־מער פארשטעהער פון דעם טבריה'ער ועד הקהילה און דעם ארטיגען ארבייטער ראט, איז געשיל־דערט געווארען די טרויעריגע ווירטשאפטליכע לא־גע פון דער שטאט, פון די ציפערען, וואס די האטעל איינגעטימער האבען איבערגעגעבען איז צו זעהען, אז די פרעקווענץ א'ן די האטעלען איז היי־טיגען סעזאן געפאלען אויף 80 פראצ. און די פרע־קווענץ אין די היגע בעדער איז צוריקגעטאנגען אויף 53 פראצ.

סירישע נאציאנאליסטען רופען צו באיקאטירען „ציוניסטישע" סחורות

ירושלים. (יט"א) „אל־ליוואא" טיילט מיט אין סירישע נאציאנאליסטען האבען אין דמשק אפגעהאלטען א קאנפערענץ אויף וועלכער עס איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען שטיצען די היימישע אינדוסטריע און אננעמען טעהעריגע מיטלען אז דער סירישער מארק זאל נישט פערפליי־צט ווערען דורך „ציוניסטישע" סחורות.

מאנגעל אין ארבייטס־הענד אין ארץ־ישראל

ירושלים (יט"א) פון פיל קאלאניעס ווענדען זיך די ארבייטס היינטען פון דער הסתדרות צום מרכז חקלאי און מרכז עבודה אין תל־אביב וועגען וואס שנעלען אריבערפיהרען אין די קאלאניעס ארבייטער, ווייל עס הערשט דארט א מאנגעל אין ארבייטס הענד. די הסתדרות האט אויפגעפאדערט אלע שטאטישע ארבייטער ראטען צו מאבילי־זירען וואס מעהר ארבייטער, סיי טעגער, סיי פרו...

היטלער זאל קאנפיסקירען די פערמעגענס פון די אנטלאפענע יודען

ב ע ר ל י ן, 18 (ספ. טעל.)

די היגע אפיציעלע קרייזען בעשטעטיגען די ידיעה פון דער אויסלענדישער פרעסע, אז דעם 3־טען פעברואר קומט זיך צונויף דער דייטשער פארלאמענט אויף וועלכער היטלער וועט ארויס־טרעטען מיט א גרויסער רעדע. היטלער זאל אין זיין רעדע נאכמאל בעריהרען די יודען־פראגע אין דייטשלאנד.

אויסער דעם זאל דער דייטשער פארלא־מענט בעשליסען א געזעץ־פראיעקט וועגען צונע־מען די פערמעגענס פון די יודען, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאנד און האבען זיך נישט צוגעפאסט צו דער פעראָרדנונג פון דרייטישען פרעמיער גע־רינג וועגען איבערוויזען זייער פערמעגען, וואס זיי האבען אין אויסלאנד — קיין דייטשלאנד.

אין זיין רעדע זאל היטלער זיך אויך אב־שטעלען אויף דער איצטיגער לאגע אין שפאני...

קיין ארץ = ישראל
דורך טריעסט און קאנסטאנץ.
אויספלוג קיין וויען
19 — 29 יאנואר 1937 130 זל.
פעקלעך קיין רוסלאנד
פינקטליך און שנעל
ערלעדיגט
דאס וועלט־רייזע־ביורא
Union Lloyd
42 פיעטריקאווער 42
טעל. 107־87.
אכטונג! ווער ס'וויל, אז די מצות אויף פסח קיין סאוויעט־רוסלאנד זאלען אנקומען צו דער צייט, דער זאל שוין זיך פערשרייבען אין „אוניאן לויד" פיעטריק. 42

דער „טריומף“ פון די ענדעקעס

פלוידערייען פון דעם „דזיענניק נאַראָדאָווי“ וועגען מאַדאַגאַסקאַר

דער פאָרשלאָג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג צו עפענען די טויערן פון איהרע קאָלאָניעס פאַר דער יודישער עמיגראַציע האָט דער ענדעקישער פרעסע געגעבען א נייע בעלעבענדיגע אָנצוהויבען א פאַרשאַרפטע אַנטי־יודישע העץ־קאַמפּאַניע. די ענדעקישע צייטונגען טריאומפירען, אַז זייער פּלאַן וועגען באַזייטיגען יודען אין מאַדאַגאַסקאַר האָט איצט אַלע אויסזיכטען „רעאַליזירט“ צו ווערען. באַזונדערס צייכענט זיך אויס אין דער היניכט, דער ענדעקישער „דזיענניק נאַראָדאָווי“.

אין נעכטיגען נומער פון דער דאָזיגער צייטונג ווערט קודם כל אין דעם לייטאַרטיקעל געענטפערט אויף דער פראַגע, ווער עס וויל מלחמה?

„די מלחמה אַלאַרמען — שרייבט די צייטונג — ווערען אַלץ שטאַרקער. אייראָפּע קען זיך נישט בערוהיגען. די בעשולדיגונגען אין דאָס שטרעבען אַרויסצורופען א מלחמה פאַלען פון פערשידענע זייטען און זענען געווענדעט געגען פערשידענע מלוכות. אין אַזעלכע בעדינגונגען לוינט זיך אָפּצושטעלען אויף דעם ווער קען אייגענטליך וועלען אַרויסרופען א מלחמה, און קומט צום אויספיהר, אַז קיין איין אייראָפּעאישע מלוכה וויל נישט קיין מלחמה אפילו נים דייטשלאַנד און נישט ראַטען־פערבאַנד.

פון וואַנען נעהמען זיך אָבער דאָך די מלחמה־אַלאַרמען? לויט די מיינונג פון דער צייטונג, פון צוויי קוועלען — „פון פאַקט פון באַנקראָט פון דער אידעאָלאָגיע פון דער פעלקער־ליגע און פון די שטרעבונגען פון דער יודישער פּאָליטיק“.

„עס איז קלאָר — שרייבט די צייטונג אַז די וואָס האָבען געגלויבט אַז די ליגע קען פערהיטען די וועלט פון מלחמות זענען אַריינגעפאַלען אין א פּאַניק, ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז די דאָזיגע אינסטיטוציע איז אויף זאַמד געבויט.

מעהר קאָמפּליצירט איז אָבער די פראַגע מיט די יודען. אויב עס האַנדעלט זיך וועגען די צייטיגע אינטערעסען פון די יודען אַלס קאַפּיטאַליסטען, אונטערנעהמער אָדער סוחרים, פערשטעהט זיך, אַז א מלחמה וואָלט זיי נישט גענוצט. אַנדערש שטעלט זיך אָבער דער ענין פאַר ווען מען זאָל נעהמען די יודישע פראַגע פון דער געשיכטליכער פּערספּעקטיווע. דאַן זעהט מען דעם גאַנצען טראַגיזם פון יודישען פאָלק אין דער היינטיגער צייט ווען דער אַלץ וואַקסענדער נאַציאָנאַליסטישער שטראָם צווישען די אייראָפּעאישע פעלקער הויבט אָן צו בעדראָהען די עקזיסטענץ אַליין פון די יודען אין אייראָפּע. ווען עס צייכענט זיך פאַר זיי אָן אַלץ בולטער די נויטווענדיגקייט פון א נייער וואַנדערונג. מען קען זיך דעריבער נישט וואונדערן אַז אַזא עווענטואַליטעט יאָגט אָן א שרעק אויף די יודען, אַז זייערע פיהרער זענען גרייט זיך צו בענוצען מיט די ראַדיקאַלסטע, ריזיקירטסטע מיטלען, נאָר בכדי זי אויסצומיידען.

מיר גלויבען אַלזאָ, אַז עס איז א גאַנץ פערשטענדליכע זאַך, ווען די יודען וואָלטען געוואָלט בעסער א מלחמה און די קאָמוניזירונג פון אייראָפּע, וואָס וואָלט זיי ערלויבט צו בלייבען אין דער נייער אייראָפּע, איידער די פרידליכע ענטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלען בעוועגונגען וואָס מוז פיהרען צו דער עמיגראַציע פון די יודען אין אייראָפּע“.

אין א צווייטען אַרטיקעל רעדט דער „דזיענניק נאַראָדאָווי“ אַרום די פראַגע „מאַדאַגאַסקאַר“.

„די לעצטע טעג — שרייבט די צייטונג — האָבען געבראַכט פאַר אונזער לאַנד ווידער א סענסאַציע. עס האַנדעלט זיך וועגען ווענדען די יודישע עמיגראַציע אויף מאַדאַגאַסקאַר.

דער פּראָיעקט וועגען בעשטימען מאַדאַגאַסקאַר אַלס רעזערוואַר פאַר דער יודישער ראַסע, וועלכע איז פעראורטיילט אַרויסגעטריבען צו ווערען פון די לענדער מיט אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע איז, וואָס א אמת, נישט אומנייער. דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָט מען צום ערשטען מאָל פאָרמולירט אין דייטשלאַנד. מען האָט זיך אָבער דאָרט מיט איהם נישט שטאַרק פערנומען.

דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָבען מיר אונטערגעכאַפּט אויף אַזוי ווייט ענטשידען, אַז מיר קענען אָהן איבערטרייבונג פּרעטענדירען בעטראַכט צו ווערען אַלס הויפּט אויטאָר פון דאָזיגען פּראָיעקט, וואָס ווערט שוין בעטראַכט נישט אַלס לויזער געדאַנק, נאָר אַלס א פאָלקאָמען קאָנקרעטער און זאַכליכער פּלאַן“.

די צייטונג דערמאָהנט דאַן, אַז זי האָט די ערשטע אָנגעהויבען זיך צו אינטערעסירען מיט מאַדאַגאַסקאַר, זי האָט געשריבען וועגען דער געאָגראַפישער לאַגע, קלימאַטישע בעדינגונגען און אויך געשריבען וועגען דער טעריטאָריאַלער פּאָליטיק, אַז די פּוילישע פּאָליטיק זאָל צושטרעבען צו גיכשפּרעכען מיט די לייטענדע פראַנצויזישע קרייזען וועגען עפענען די טויערן פון מאַדאַגאַסקאַר פאַר דער יודישער אימיגראַציע וואָס האָבען נאָך אמאָל דערמאָהנט בעת אין פראַנקריך האָט איבערגענומען דעם אמט פון רעגירונגס־שעף דער יוד לעאָן בלום.“

דאַן דערצעהלט ווייטער די צייטונג, האָבען אַלע פון איהר געלאַכט, אָבער איצט האָבען זיך די צייטען געענדערט, אויך די „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ“ פערעפענטליכט אַרטיקלען וועגען מאַדאַגאַסקאַר און האָט אפילו אַרויסגעשיקט אַהין איהר קאָרעספּאָנדענט.

„שוין זייט איניגע וואָכען — שרייבט דער „דזיענניק נאַראָדאָווי“ — האָט די יודישע פּרעסע מיט אומרוהיגקייט נאָטירט די קלאַנגען וועגען די געהיימע שפּרעכען פון ה' בעק מיט ה' בלום וועגען מאַדאַגאַסקאַר, בעשרייבענדיג ווי דער גובערנאַטאָר פון מאַדאַגאַסקאַר האָט „זיך איבערראַשט“ אויף דער דערהערטער ידיעה (באמת דערהערטער. מיר וואונדערן זיך פאַרוואָס דער שרעק) וועגען דעם עווענטועלען אָנקומען פון יחידים און שטעלט פעסט, אַז אויף מאַדאַגאַסקאַר וואָלט געווען אָרט אויף קאָלאָניזאַציע העכסטענס פאַר א קליינע גרופּע פון אויסגעוועהלטע פאָלק.“

דער ענדעקישער אָרגאַן פרעגט זיך אָבער נישט צופיל דעם קאָפּ וועגען דעם, ווייל „אַזוי איז שוין שטענדיג געווען, אַז ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען א עמיגראַציע אין א נייע לאַנד, האָבען צוערשט עמיגרירט יחידים, דאַן צעהנדליגער, שפּעטער הונדערטער, דערנאָך טויזענדער און ווייטער צעהנדליגער טויזענדער און מיליאָנען. עס גערט נישט וועגען דעם, אַז קיין מאַדאַגאַסקאַר זאָלען אַרויספאָהרען מיט א מאָל עטליכע מיליאָן יודען, נאָר אַז דער מאַדאַגאַסקאַרישער שטראָם פון דער יודישער עמיגראַציע זאָל זיך אָנהויבען!“

און די צייטונג פערענדיגט: „זאָלען זיי זיך נישט פערנעמען, אַז זיי האָבען נישט וואוהין צו עמיגרירען: דער שליסעל פון דער לאַגע געפינט זיך אין זייערע הענד. קיין שום דעמאַגאָגישע פראַזען וועלען דעם דאָזיגען פאַקט נישט פערטונקלען“.

עפעס שיינט, אַז דער פראַנצויזישער פאָרשלאָג פון קאָלאָניעס פאַר יודען ווערט אין פוילען שטאַרק פערגרעסערען די צאָהל פערזאָנען צו וועלכע מען וועט דאַרפען אָפּווענדען דעם פּרעמיערס שוין בעריהמט געוואָרענע וואָרט: „היילען זיך, היילען, איהר זייט קראַנק!“ אויב די ענדעקעס ריהמען זיך, אַז דער פּראָיעקט פון מאַדאַגאַסקאַר איז זייער ערפינדונג, וועלען די יודען אַלס בירגער פון פוילען, מוזען קומען מיט א פּראָיעקט צו פערשיקען די ענדעקעס אין — משוגעים הייזער, וואו זיי ווערען באמת א בעדראָהונג פון דער ציוויליזאַציע אין פוילען. די לענדער מיט אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, ווי למשל, פראַנקריך און ענגלאַנד, בעלגיען און האָלאַנד, די שווייץ, טשעכאָסלאָוואַקיען און די אַלע אַנדערע אין וועלכע עס הערשט באמת אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, האָבען צו זייערע יודישע בירגער גאָרנישט צוגעלעגט און זיי טראַכטען גאָרנישט ווי עס שרייבט זיי צו די חסר־דעה'דיגע ענדעקישע אידעאָלאָגיע, אַרויסצושיקען די יודען.

די יודען אין פוילען זענען פולבערעכטיגטע בירגער. זיי וועלען עמיגרירען ווען זיי וועלען דאָס וועלען און וואוהין זיי וועלען וועלען. פונקט אַזוי ווי עס האָט נישט געהאַט קיין פעולה דאָס ענדעקישע בילען „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני“ וועט אויך נישט האָבען קיין שום פעולה זייער נייע לאָזונג „דאָ מאַדאַגאַסקאַרו!“

פראַנצויזיש־גויאַנאַ

האָט שוין אין 17. יאָהרהונדערט געהאַט אפילו א... יודען־גרוש

דער גורל פון ספרדישע יודען אין מאַראַנען, וואָס האָבען שוין געהאַט געזוכט גליק אין גויאַנאַ. — יודען אויף די אינזלען פון פּאַציפישען אָקעאַן. — אַביסעל היסטאָרישע און געאָגראַפיש - ווירטשאַפטליכע דאַטען צום פראַנצויזישען קאָלאָניזאַציאָנס - פּראָיעקט

וו אַ ר ש ע. (יט"א) אין דר. מאַרק ווישניצערס „יודען אין דער וועלט“ (בערלין 1935) זענען פערהאַן פאָלגענדע אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אינפאָרמאַציעס וועגען יודישען ישוב אין גויאַנאַ, וואָס ווערט דערמאָנט אין פראַנצויזישען קאָלאָניזאַציאָנס פּראָיעקט:

גויאַנאַ אין צפון פון דרום אַמעריקא, אויף דעם קאַראַיבישען ים־ברעג איז א פראַנצויזיש, ענגליש און האָלענדיש קאָלאָניאַל לאַנד; דער האָלענדישער טייל הייסט סורינאַם.

אין דער פראַנצויזישער קאָלאָניע, אין בעריהמטען קאַיען, איז אין 1664 — ווען דאָס לאַנד איז געווען אין האָלאַנדישען בעזיץ — געווען א יודישע לאַנדווירטשאַפטליכע זידלונג, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם ספרדישען יוד דוד נשיא (נאַסי) אין פערשטענדיגונג מיט דער האָלענדיש מערב אינדישער קאָמפּאַניע. די דאָזיגע זידלונגען האָבען גענאָסען ווייטגעהענדע בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט.

אין געביט פון בריטיש־גויאַנאַ, וואָס האָט אויך אמאָליגע צייטען געהערט צו האָלאַנד, האָט די האָלענדיש־מערב־אינדישע קאָמפּאַניע אין 1648 געגרינדעט ביים פּאָמעראָן (דעם נעבען־טייך פון עססעקוויבאָ) די זידלונג „נוימידעלבורג“ מיט לערך טויזענד משפּחות, וואָס א העלפט איז געווען ספרדיש, די קאָלאָניסטען האָבען געפלאַנצט צוקער־ראָהר און בעטריבען פיש־פאַנג. די קאָלאָניע האָט זיך ענטוויקעלט דורכן צושטראָם פון פאַרמער, וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון קאַיען, איז אָבער 1666 צושטערט געוואָרען דורך די ענגלענדער און פראַנצוזען. (פון פראַנצויזיש־גויאַנאַ איז שוין, אלזאָ, געווען א יודען־גרוש! — בעמ. פון רעד.). די איינגעזעסענע פאַרמער פון קאַיען זענען אַוועק קיין מיטעל־גויאַנאַ, די שפּעטער צוגעקומענע האָבען זיך צעזייט איבער די אַנטילען־אינזלען.

אין 1925 איז אין בריטיש־גויאַנאַ געווען א יודישע בעפעלקערונג פון 1736 נפשות, דאָס רוב אין דער הויפּטשטאָט דזשאָרדזש טאַון.

מיט זיינע בעדייטענדע פּלאַנצען־אוצרות, צוקער־קולטור, און וואַלד־רייכטום איז דאָס לאַנד שוואַך בעוואוינט, אויף א באָדען שטח פון 90 טויזענד קוו. קמ. לעבט א בעפעלקערונג פון בלויז 310 טויזענד נפשות. בריטיש־גויאַנאַ ווערט אַלס איינוואַנדערונגס און זידלונגס־לאַנד גינסטיג בעאורטיילט. נעבען צוקער־ווירטשאַפט קומט נאָך דאָרט אין פראַגע די קולטיווירונג פון רייז, קאַווע און טאַבאַק. א דאַנק דעם אָפּמאַך מיט אָטאַוואַ קען אין גויאַנאַ ווייטער געפירט ווערען די קאַפּער־קולטיווירונג, וועלכע איז מיט עטליכע יאָהר צוריק אויפגעגעבען געוואָרען צוליב מאַנגעל פון אָפּזאַץ. (אין אָטאַוואַ, דער הויפּט שטאָט פון קאַנאַדע, איז שוין אין 1921 פאָרגעקומען די לעצטע בריטישע אימפּעריאַל־קאָנפערענץ אויף וועלכער עס זענען רעגולירט געוואָרען די ווירטשאַפטליכע בעציהונגען צווישען די בעזונדערע טעריטאָריעס פון בריטישען אימפּעריום. — בעמ. פון רעד.) אין איצטיגען מאָמענט קען צ.ב.ש. נישט בעפרידיגט ווערען אפילו דער קאַוועבעדאַרף פון קאַנאַדע, און וועגען בויזעטען צו פערצייכענען פאָרטשריטען, און עס בעשטעהען אויסבוי־פּלענער, וואָס זאָלען ערמעגליכען די ווייטערע אויסנוצונג פון לאַנד, וואָס ווערט צוליב זיין פּרוכטבאַרקייט פערגליכען מיט יאַמאַיקאַ.

אין האָלענדיש גויאַנאַ אָדער סורינאַם האָבען די יודישע זידלונגען דורכגעלעבט אינטערעסאַנטע און וועקסעלפולע שיקזאַלען, די ענגלענדער, וואָס זענען פריהער געווען די בעל־בתים פון דער קאָלאָניע, האָבען געזיכערט פרייע רעליגיאָנס פּראַקטיק און אויטאָנאָמע קהלה־קאָנסטיטוציע די קריפּטאָ־קריסטען, וואָס זענען אין 1644 געקומען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל אין דער פּאָרט־שטאָט פּאַראַמאַריבאָ, נאָכדעם איבערגענומען דאָס לאַנד אין זייער בעזיץ האָבען די האָלענדער בעשטעטיגט די דאָזיגע פּריווילעגיעס (1687) הגם די זידלונג אין פּאַראַמאַריבאָ האָט זיך ענטוויקעלט גאָר נישט־קשה איז זי אָבער שפּעטער אויפגעגעבען געוואָרען. די קאָלאָניסטען האָבען דאָס געביט פערלאָזען און אין 1669 האָבען זיי צוזאַמען מיט יודישע פּלאַנטאַטאָרען וואָס זענען געקומען פון בראַזיליען, געגרינדעט א נייע גרעסערע זידלונג „יאָרדען סאַוואַנע“ („יודישער סטעפּ“), וועלכע האָט זיך זעהר גוט ענטוויקעלט, בראָש פון דער קאָלאָניע איז געשטאַנען שמואל נשיא, די יודישע מיליץ האָט כסדר געמוזט שטעהן אויף דער וואַך, כדי צו פערטיידיגען די קאָלאָניע געגען איבערפאַלען פון די פראַנצויזען און אינגעבוירענע. מחמת דעם, וואָס דער האָלענדישער צוקער איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון אייראָפּעאישען מאַרק האָט די קאָלאָניע אָנגעהויבען פאַלען און אין 1832, איז זי אונטערגעגאַנגען. דער באָדען געהערט נאָך ביז היינטיגען טאָג צו דער ספרדישער קהלה פון פּאַראַמאַריבאָ. חוץ דער ספרדישער קהלה בעשטעהט נאָך דאָרט אן אשכנזישע. אין 1931 האָט די צאָהל יודען אין סאַראַמאַריבאָ בעטראָפען בלויז 640. זיי האָבען אָנגענומען אָרט אין לעבען פון דער קאָלאָניע, פערנעהמען דעם אויבען־אָן אין האַנדעל בעטייליגען זיך אין דער עקספּלואַטאַציע פון די גאָלד־פעלדער און פערנעהמען עפענטליכע אַמטען. אין קאָלאָניאַל מיליטער דינען יודישע אָפיציהרען.

וועגען יודען אויף די אינזלען פון פּאַציפישען אָקעאַן (וואו עס ליגען די אין פראַנצויזישען פּראָיעקט דערמאָהנטע ניי־קאַלעדאָניען און ניי־העברידען) געפינען זיך אין דר. ווישניצערס בוך פאָלגענדע אינפאָרמאַציעס:

אויף די אינזלען פון פּאַציפיק לעבען צווישען יודען, מענשען, וואָס האָבען דאָרט איינגעוואַנדערט אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען, מ'טרעפט איינצעלנע יודען אויף די סאַלאָמאָ אינזלען, אין ניי־קאַלעדאָניען, אויף די סאַמאָאַ־אינזלען, אין דער הויפּט שטאָט סובאַ לעבען עטליכע יודישע משפּחות. צו קיין קהלה־שאַפונג איז נישט דערגאַנגען אין ערגעץ מיטן אויסנאַהם פון האָנאָלולו, דער הויפּט־שטאָט פון די האַוואַי־אינזלען, וועלכע געפינען זיך זייט 1898 אונטער אַמעריקאַנער הערשאַפט. אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונדערט איז אין האָנאָלולו געווען א קהלה פון לערך 100 יודען, אין 1925 האָבען קיין האָנאָלולו איינגעוואַנדערט יודישע האַנדווערקער פון ווייטען מזרח, אין 1934 האָט מען די צאָהל יודישע איינוואוינער פון דער שטאָט געשאַצט אויף 300.

צוויי יאָהר נאַצי־ממשלה אין סאַאַר־געביט

די שטייערן־שרויף פרעסט פאַר'ן מלחמה־בודזשעט. — דער ענטפער אויף די פּראָטעסטען פון די סאַאַרלענדער. — 5 טויזענד פערשיקטע אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען

זשענעווע. (יט"א). די ידיעות, וואָס קומען אָן פון סאַאַר־געביט רעדען וואָס ווייטער אַלץ בולטער וועגען דעם שרעקליכען עקאָנאָמישען חורבן וואָס די נאַציס האָבען געמאַכט אין דעם דאָזיגען אמאָל בליהענדען אינדוסטריעלען געביט.

די הויפּטזאָרג פון די נאַצישע מושלים איז, וואָס שטאַרקער צו פאָרטיפיצירען די דאָזיגע פּראָווינץ און אויף דעם איז געווענדעט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. די מיליטערישע אויסגאַבען שלינגען דעריבער איין דעם לייב־טייל פון סאַאַרלענדישען בודזשעט. דאָס איז נאָך אָבער אַלץ ווייניג, און די נאַצישע מאַכטהאָבער לייגען אַרויף אַלץ נייע שטייערן אויף דער בעפעלקערונג. די שטייער־לאַסט דריקט שוין אַזוי שטאַרק די סאַאַרלענדישע בעפעלקערונג, אַז דאָס האָט גורם געווען דעם באַנקראָט (בלויז אין איין יאָהר) פון 1500 האַנדווערק־וואַרשטאַטען אויף דער אַלגעמיינער צאָהל 14.000 ד.ה. לערך 11 פּראָצענט. די זעלבע שטייערן לאַסט אויף מלחמה־צוועקען דריקט אויך אַנדערע טיילען פון דער בעפעלקערונג, אַזוי צ.ב.ש. בעטראַגט די שטייערן־אויסמעסטונג פאַר די גרובען אַרבייטער 30 פּראָצ. פון זייערע פערדינסטען, אין דער צייט, ווען אונטערן פראַנצויזישען רעזשים האָט זי בעטראָפען בלויז 10 פּראָצ. אָבער טראָץ די דאָזיגע מיטלען קענען זיך די אָרטיגע מאַכט אָרגאַנען קיין עצה נישט געבען מיט די בודזשעט שוועריגקייטען. פיל פון די קאָמונאַלע אָרגאַנען האָבען דעריבער נישט אויסגעצאָהלט זייערע אָנגעשטעלטע שכירות פאַרן חודש דעצעמבער. ווען די לעצטע האָבען אָנגעהויבען דראָהען מיט א'עפענטליכען אַרויסטריט, האָבען זיך זשאַנדאַרמען בעוויזען אין די היזער פון די אַלע, וועלכע האָבען פערלאַנגט שטייערן און מען האָט בכוח געפרובט איינצוקאַסירען וויפיל עס וועט זיך נאָר לאָזען, דאָס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען.

עטליכע טעג פאַר די ווייהנאַכטען האָט זיך א דעלעגאַציע פון אַרבייטער געווענדעט צום נאַצישען קאָמיסאַר פאַר'ן סאַאַר־געביט, ביערקעל, מיט דער ביטע אַז מען זאָל די אַרבייטער געבען אַרבייטס גראַטיפיקאַציע, זיי האָבען דערביי אויפמערקזאַם געמאַכט דעם קאָמיסאַר אויף די צוזאָגען, וואָס מען האָט זיי געגעבען פאַר און גלייך נאָך דעם פּלעביסציט. אויף די אַרבייטער־טענות האָט דער נאַצישער קאָמיסאַר געענטפערט: „דער קאָמיסאַר פאַר דעם 4־יאָהריגען פּלאַן (גען. געהרינג) האָט ערקלערט פאַר אונדערלאַזבאַר יעטוועדע לוין העכערונג, וואָס איז נישט אין גייסט מיטן גרויסען ווערק פון נאַציאָנאַלען רענעסאַנס“.

דאָס אַלץ ווירקט דריקענד. אַז די אונצופרידענהייט פון דער בעפעלקערונג זאָל כסדר וואַקסען, בפרט נאָך דאָס די נויט האָט אויך נישט אויסגעמיטען די פּויערים מאַסען וועלכע האָבען נישט קיין אָפּזאַץ מאַרק פאַר זייער פּראָדוקציע, די פעראָרעמטע סאַאַרלענדישע איינוואוינער קענען נישט קויפען אַזוי פיל, וויפיל זיי האָבען געקויפט פאַרן פּלעביסציט, נישט האָבענדיג קיין קונים, דעריבער זענען שוין פערצייכענט געוואָרען איניגע פּראָטעסט אַרויסטרעטונגען געגען דעם נאַצישען רעזשים, אָבער די מאַכט־האָבער האַנדלען דאָ פּונקט ווי אין איבעריגען רייך: זיי האָבען 5 טויזענד איינוואוינער פון סאַאַר־געביט אַוועקגעשיקט אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן.

פּעלאַכען פאָדערן צו מאַכען א סוף צו די רויב־אָנפאַלען אין ארץ־ישראל

י ר ו ש ל י ם. „הארץ“ טיילט מיט פון שכם אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די רויב אָנפאַלען אויף די שאָסעען אַרום שכם האָבען א סך אַראַבישע דאָרפס לייט פון יענער געגענד איבערגעשיקט צו דער רעגירונג א מעמאָראַנדום, אַז זי זאָל אָננעמען די שאַרפסטע מיטלען געגען די רויבער. אין מעמאָראַנדום פון אַראַבישען דאָרף באַרקא שרייבען די פּעלאַכען, אַז די דאָרפישע יוגענד איז גרייט אַליין זיך צו פערטיידיגען, אויב די רעגירונג איז נישט מסוגל צו בעשיצען זיי פאַר די רויבער. דעם דאָזיגען מעמאָראַנדום האָבען זיי איבערגעשיקט נאָכדעם, ווי מען האָט ביי זיי צוגערויבט א סומע געלד וואָס זיי האָבען בעקומען אַלס הלוואה פון דער באַרקליים באַנק אויף דער ווינטער־זריעה.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָנפאַלען מצד די אַראַבישע דאָרפסלייט האָט די רעגירונג לעצטענס אַרעסטירט פיל אַראַבער אַרום שכם, אויף וועלכע עס איז פאַרהאַן א חשד אַז זיי האָבען זיך בעטייליגט אין די לעצטע רויב אָנפאַלען. די שכמ'ער תפיסה איז איצט פול מיט אַזעלכע פערדעכטיגע.

זאל שוין קומען די שלאבט!..

— 7 —

דער לאדזער יודישער לעגיאנער לאנדא דערציילט זיין לעבען אין פרעמדען-לעגיאן.

עטליכע וואכען זענען מיר געווען אין סידי-בעלאבעס, פון דארט האט מען אפמארשירט קיין סיידא. די היץ איז נאך דא נישט געווען גרויס. דאס לעבען שווער ערטרעגליך. זענען עס אבער געווען די ערשטע צייטען פון דער דיסציפלין, ווען מען איז נאך נישט איינגעוואוינט צו דער בלינדער געהארכזאמקייט. מען לעבט צוזאמען מיט אנדערע לעגיאנערען, אבער מען איז נאך נישט איינגעבונדען צוזאמענגעלעבט. עס זענען נאך דא אזוי פיל אינטימע זאכען, וועלכע עקלען. עס איז נאר אויך דא די פרישע ערינערונג פונ'ם פריהערדיגען לעבען. און דער עיקר איז דער נידריגער מיליטערישער ראנג. וועלכער מאכט ביטער דאס לעבען. דער סערזשאנט, דער אונטער-אפיציר איז אליין א געוועזענער לעגיאנער, האט ער א מין ספעציעלען השק צו דערנידריגען דעם לעגיאנער.

— און דער אפיציר?

— דער אפיציר? — דאס איז דער ליכטיגער מאמענט אין א בוזער לעבען. צו איהם קאן מען זיך געהן פערקלאגען, ער נעמט זיך פאר א ביז אן. דאס איז שוין אן אנדער עלעמענט, אן אינטעליגענט, א מעהר פערשטעהענדער. דערצו זענען נאך אין מיינע צייטען די סערזשאנטען מייסטענס געוועזען דייטשען, פינקטליכע, אפגעהיטענע, פערליבטע אין דער שטרענגקייט.

* * *

און וועה איז דעם, וואס קען נישט מיטמאכען די דיסציפלין. ער איז דער חוזק פון דער קאמפאניע און פון קיין רחמנות ווייסט מען נישט. קאמעראדשאפט איז דא. ביזט פערוואונדעט, ביזט אין א געפאהר וועט א צווייטער לעגיאנער זיין לעבען פאר דיר איינשטעלען אהן איין מינוט פערטראכטען זיך אבער קענסטו נישט מארשירען, פאלסטו, קלאגסטו זיך אויף מדקדק, לאכט מען פון דיר, חוזקט מען, דערלאנגט מען אפילו א קלאפ אויך, וועה איז דעם, וועלכער איז שוואך, וועה איז דעם, וואס קען נישט איינזעצען א פויסט אין א צווייטענס פנים!! — אין לעגיאן איז דא אנגעווארט נאר פאר שטארקע מענשען. סיי פאר דער דיסציפלין, סיי פאר דעם איבעריגען אלע מארשען, אלע ארבייטען און דער עיקר פאר די קאמעראדען. נישטא וואס לאנג אויסצוטעה'ען זיך, מען דארף דערלאנגען. און וואס פריהער און וואס שטארקער, און וואס פלינקער און וואס הוצפה'דיגער — ווערט מען רעספעקטירט.

* * *

און עס איז נאך דא דער אומעט, דאס בענקען, דער „קאפאר", נעמט ער איבער א לעגיאנער אין איין טאג, ווייסט מען נישט, פאריואס. טריפט דער גיפט אריין אין דער נשמה, פאלען אפ די הענט און די קניה בויגען זיך איינטער און עס בלייבט נאר איין פינסטערער מארגען — מער גארנישט! — אזוי איז עס אין אנהויב מיט יעדען איינעם, אזוי איז עס געווען מיט מיר, ווי א קנויל פון קאלטע שלאנגען וואלט מען ארייננעווארפען אין מיין הארץ. ביינאכט שלאפט מען נישט, מען ליגט און מען הערט די אנדערע כראפען, און מען וואלט מיט א קאלט הארץ עמיצען מיט א מעסער געראצט דאס לייב — עמיצע' אדער זיך אליין קיין זון איז מעהר נישטא פאר מיר און דעמאלט אפילו. דעמאלט איז אלעס אויסגעלאשען און עס געהט אזא ביטערער אומעט אויף פארטאג און אזא טרויעריגער שלייער פערהענגט זיך איבער דער נאכט. און מען מוז נאכמאכען: — „מארש פאר־אויס!!" — „לויפען", — „שיסען", — „פאלען!" — פאלגט מען נישט, דארף מען שעה'ען דורכמאכען שווערע דיסציפלינארע איבונגען, ווערט דער אומעט נאך גרעסער — אליין! — אליין! — און אהן שום מאכט!! בלויז פאלגען און פאלגען. בעט מען גאט: „טא זאל זי שוין קומען די שלאכט און זאל א קויל פאלען, דא אין סאמע מיטען פונ'ם הארצען און זאל דער קנויל פון

פון דער סעריע: „יודען אין פרעמדען לעגיאן"

פון י. האמסקי

די קאלטע שלאנגען אויפהערען ארייננטרייפען דעם גיפט פון בענקען און אומעט אין מיין בלוט...

שווער זענען די ערשטע דריי חדשים אין פרעמדען - לעגיאן, זעהר שווער. רוסען יודען פרום, ציגיינער אן ליכט פאר איקאבעס, פאליאקען פערשיכור'ן דאס גאנצע געלד, איטאליענער שרייען „כאנטא מא יא". — בלויז דייטשען שווייגען. מארשירען אין שווייגען און אזגעי! — יא, דאס מוז מען דאך דורכמאכען! — קוקען אלע אויף זיי מיט א מין פעראכטונג. און א סך, א סך פרובירען אין די ערשטע חדשים צו אנטלויפען. יעדען טאג דעזערטירט מען. און די מאכט ווייסט, אז דא איז נישט אזוי שולדיג דער לעגיאנער, ווי די גרויסע, די ביטערע ענטוישונג.. און די שטראף איז נאך נישט קיין גרויסע. א 15 טעג ארעסט. דעזערטירען איז שווער. ווייל מייסטענס כאפט מען אלע. קיין פראנצויזיש קען נאך דער לעגיאנער נישט. קיין געלד האט ער אויך נישט. טרינקען מוז ער. כאפען איהם די אראבער. 50 פראנק קריגען זיי פאר כאפען א לעגיאנער און פאר 50 פראנק האט אן אראבער אפילו זיין אייגענעם ברודער פערקויפען. ערגער איז נאך ווען דער לעגיאנער שטעלט א ווידערשטאנד. דעמאלט טוען די אראבער מיט איהם וואס זיי ווילען, זיי צושלאגען איהם, און זיי קריגען נאך די 50 פראנק.

* * *

קילאמעטערס האבען מיר אזוי מארשירט אינער אלזשיר, כדי צו געוואוינען זיך צו לאנגע מארשען. אין סיידא זענען מיר א צייט געשטאנען. אין טאג האט מען מיך איינגעפיהרט אין א קליין געוועלבעל עפעס קויפען. א לעגיאנער האט א

לאך געטון צו דער קרעמערין: —

— אט איז א יוד...

די פרוי האט גארנישט געזאגט, אהער אויף מא געגען, אז איך בין דורך די גאס, זאגט זי מיך אריינגערופען. צוויי טעכטער, שעהנע מיידלעך, מיט אנגעצונדענע, שווארצע אויגען, זענען געשטאנען אין קרעמעל. די פרוי האט מיך א פרעג געטון:

— ביזט א יוד?

— יא.

די פרוי האט נישט געגלויבט. זי האט מיר א זאג געטון:

— פון וואנען וייס איך, אז דו זאגסט אמת?

איך האב מיך אומגעקוקט ארום שטוב. אויף א טיר איז געווען א מזוזה. בין איך צו יאון א קוש געטון די מזוזה. האבען אלע דריי, די מאמע מיט די מיידלעך א פאטש געטון אין די הענד:

— יא, א יוד!

יעדעס אנדער מאל וואלט עס פאר מיר גארנישט געווען. איך בין קיינמאל נישט געווען פרום. דאס איז געווען אפשר דאס ערשטע מאל אין לעבען ווען איך האב א קוש געטון די מזוזה. אבער אט דער אויסרוף פון א יודישער מאמע, טאקע פאר מיר א פרעמדע, אן אלזשירער, איז מיר געווען עפעס אזוי אויסטערליש:

— א יוד!

אינ'ם געשריי איז געווען אייגענס, נאהענטעס, מען האט מיך גלייך מכבד געווען מיט סיגארעטען:

— ווילט איהר רויכערען?

איך האב נאך דעמאלט שוואך גערעדט פראנצויזיש, אבער מען האט זיך צונויפגערעדט, בפרט אז די יודישע מיידלעך האבען דאס א עלטע הייסע, אויסדרוקספולע אויגען. א שטיק פון מיין עלענד איז אפגעריסען געווארען. עטליכע וואכען האב איך געהאט א היים. דערנאך האט מען ווייטער בעקומען א בעפעהל:

— אפמארשירען!

פארטאג איז מען אוועק. האב איך נאך אנגעקלאפט אין דער טיר פון דער יודישער פאמיליע. די מאמע אליין איז ארויס צו מיר. זי האט גערעדט צו מיר. א סידור געשענקט און געזאגט עפעס אויף זייער אופן פערשידענע תפילות. די איך האב בלויז פערשטאנען:

— גאט זאל דיר העלפען אויף דיין וועג!

און איך בין אוועק. מיט א נייעם אומעט. נאך שארפער, ווי פריהער. מיט אנ'אומעט נאך דעם ביסעל יודישער היים און מיט'ן בענקען נאך די הייסע אויגען פון איהרע טעכטער. דאס הארץ האט שטיל געוויינט, איינגעפרעסט אין די הארטע פאטען פון מיין רוקען־זאק, וואס האט אזוי שווער געמאכט די טריט. איך האב צוגעדריקט צו זיך די ביקס ווי א לעבען און ווי א האפנונג: זאל שוין קומען די שלאכט! זאל שוין קומען, וואס דארף קומען!

שווערע שיך האבען געטאפעט פאר מיר, שווערע שיך האבען געטאפעט הינטער מיר, און איך בין געגאנגען אין מארש, פאראויס, פאר־אויס מיט דעם לעגיאן, וועמען איך האב געשוואוירען טריי צו דינען פינף יאהר פון מיין לעבען.

* * *

אזוי זענען מיר אנגעקומען אין אין-ספערא אין ווייסען זיד פון אלזשיר. דאס איז שוין געווען אמת'ער מיליטערישער פאסט. בלויז קאזארמע און זאמד. דא האט מען געמאכט דעם לעצטען פעריאד פון ווערען אנ'אויסגעשולטער לעגיאנער. דא איז שוין געווען מורא'דיג הייס. דא איז שוין געווען דאס לעבען פון לעגיאן. נאך וועלכען איך בין עס געלאפען. אליין אין דער וויסטע. נאכט, טאג. איין געפיהל: — טרייסטלאז. זאמד און זאמד און זאמד... אפילו קיין „הייזעל" נישט, אפילו קיין אראבישע גאסען - פרוי נישט. פערווארפען אליין צווישען זון און זאמד און דער איינציגער אטעם וואס האט דא געקלאפט, איז חוץ אונז געווען דער ביטערער סיראקא-ווינט. וואס בלאזט אן זאמד דורך אפגעשלאסענע טירען אפילו, וואס שטעכט מיט שפיזלעך אין פנים, וואס בלאזט מיט אזא כוח אין געזיכט, אז מען מיינט, אז די באקען וועלען צוריסען ווערען, קאזארמע און זאמד און עפעס א ביי געפיהל פון דיקא וועלען אויסהאלטען, פון דיקא זוכעי די געפאהר.

דער אמת'ער לעגיאן האט זיך ערשט אנגעהויבען.

גרויסע ערד-ציטערניש

מיט 4000 יודישע קרבנות. — פונקט מיט הונדערט יאהר צוריק אין ארץ-ישראל

עס ווערט איצט פונקט 100 יאהר זינט ס'איז פארגעקומען אין ארץ ישראל א שרעקליכע ערד-ציטערניש. אין וועלכער עס זענען אומגעקומען איבער 4 טויזענד יודען צווישען לערך פינף טויזענד מענשליכע קרבנות. אט יענער שרעקליכע אומגליק איז געשעהען דעם 1-טען יאנואר 1837.

ארץ-ישראל האט מעהרערע מאל געהאט גרויסע ערד-ציטערנישען, מיט פיל מענשליכע קרבנות. אין דעם לאנד געפינען זיך וואולקאנישע געגענדען, בעזונדערס ארום דעם ים המלח און ים כנרת, און פאלגליך איז א נאטירליכע זאך, דאס ס'זאלען דארט פארקומען פון צייט-צו צייט ערד-ציטערנישן. אבער עס מוז קלאהר ערקלעהרט ווערען, אז גרויסע ערד ציטערנישען, וואס פערארזאכען אומגליקען קומען זעלטען פאר. עס געהען אוועק פיל צעהנדליגער און זאגאר הונדערטער יאהרען איידער איינע ערד-ציטערנישען זיך דערהאלען זיך אבער זיי געשעהט דאך.

אין מלכים י"ט, 11, רעדט זיך, אז „א גרויסער און שטארקער ווינט האט צוריסען די בערג און צובראכען די פעלזען... נאך דעם ווינט איז געקומען א שטורם.... און נאך דעם שטורם איז געקומען א פייער"... מען האלט, אז אט די בעמערקונגען ווייזען אן אויף א גרויסער ערד-ציטערניש וואס איז פארגעקומען דאמאלט, אין דער צייט פון מלך אחב.

אין עמוס א, 1. און אין זכריה י"ד 5 ווערט אויך גערעדט פון א גרויסער ערד-ציטערניש אין דער צייט פון מלך עוזיהו. דאס האט בעדארפט זיין א גרויסע ערד-ציטערניש. זכריה זאגט, אז „מען איז אנטלאפען פאר דעם שטורם".

יוסיפוס דערצעהלט אין זיין „אנטיקוויטעטען פון די יודען", בוך 15 קאפיטעל 5, פאר. 2 פאלגענדעס: בעת דער שלאכט אין אקטיום צווישען אקטאוויוס צעזאר און אנטאניוס (רוימישע געגנערישע הערשער) אין דעם זיבעטען יאהר פון הורדוס המלך, איז אויך פארגעקומען א ערד-ציטערניש אין יהודה, אזא ערד-ציטעניש. ווי ס'איז נישט פארגעקומען אין וועלכער ס'איז אנדערער צייט, און זי האט געבראכט גרויס צושטערונג צווישען די בהמות פון דעם לאנד. לערך צעהן טויזענד מענשען זענען אויך אומגעקומען דורך דעם איינפאלען פון די הייזער".

עס איז אויך פערצייכענט, אז עס זענען פארגעקומען פאלגענדע ערד-ציטערנישען אין ארץ-ישראל: אין דער צייט פון יעזוס'ען: מיט פינף יאהר פאר בר כוכבא'ס אויפשטאנד זיינען צושטערט געווארען די שטעט צעזאריע און עמאוס; אין יאהר 499 איז דער קריסטליכער צייטרעכנונג זענען טיילען פון גאנץ קליין אזיען צושטערט געווארען פון ערד-ציטערנישען, וועלכע האבען געהאלטען ווייטער אין אויסברעכען ביז אין 502, ווען ס'איז איינגעפאלען די יודישע שוהל אין ביירות עס זענען אויך פארגעקומען איבריגע ערד-ציטערנישען אין ארץ-ישראל אין מיטעלאלטער. אין 1033 איז שטארק צושעדיגט געווארען די שטאט רמלה, וואו עס איז דאמאלט געווען א ישיבה.

דא איז געקומען אט יענע ערד-ציטערניש, זינט דעלכער עס ווערט איצט הונדערט יאהר, דאס הייסט די פון 1-טען יאנואר 1837. זי האט געטראפען אמשטארקסטען די שטעט צפת און טבריה, אין וועלכע די יודען האבען דעמאלט געבילדעט מאיאריטעט פון דער בעפעלקערונג. די דאזיגע צוויי שטעט זענען כמעט ווי צושטערט געווארען, און אין זיי זענען געווען די איבער 4 טויזענד יודישע קרבנות. די דאזיגע ערד-ציטערניש האט זיך אויך געפיהלט אין ירושלים, נאר דארט זענען קיין קרבנות נישט געווען.

עס איז אויך ווערט צו פערצייכענען, אז נאך אט יענער ערד-ציטערניש האט סיר מאזעס מאנטעפיארע געמאכט זיין צווייטע רייזע קיין ארץ-ישראל. ער האט בעזונדערס בעזוכט די צוויי שטעט צפת און טבריה. ער האט פיל געטון צו פערלייכטערען די ליידען פון די געליטענע, וועלכע זענען געבליבען לעבען.

מיט צעהן יאהר צוריק, דעם 17-טען יולי 1927 איז ווידער פארגעקומען א ערד-ציטערניש אין ארץ-ישראל. עס זענען געטראפען געווארען אמייסטענס אראבישע געגענדען, שכם, לוד, אמאן א. א. עס זענען דארט געווען לערך טויזענד דערהרג'עטע, און פיל שאדען. יודישע פלעצער ווי ירושלים, פתח-תקוה א. א. האבען אויך דער פיהלט די ערד-ציטערניש, אבער עס זענען נישט געווען קיין יודישע טויטע, בלויז עטליכע פערוואונדעטע, און גאנץ קליינער שאדען.

פון היסטאריקוס

דער גורל פון אפרוי

סענסאציאנעלער און שפאנענדער ראמאן

54)

— א, ווי שעהן איהר מאכט קאמפלימענטען! פרויען זענען מן הסתם, משוגע פאר אייך, ווייל וואס גלייכען דען פרויען מעהר ווי קאמפלימענטען!

— איהר וועט מיר גלייבען, אז איך בין צו פרויען א שטענדיגער און איך האב נאך אין מיין לעבען קיין פרוי קיין קאמפלימענטען נישט געגעבען!!

— וואס דען זייט איהר פלוצים קאליע געווארען?!!

— אליין, וואס איך זאג, מיין איך פון טיפען הארצען!!

מען האט טאקע געקענט פיהלען, אז זיינע ווערטער זענען געקומען פון טיפען הארצען און זיי האבען אנגעפיהלט רחלען מיט א זיסען אנגענעהמען געפיל און זי האט אויך געפיהלט, אז אין אזא מאן וואלט זי זיך געקאנט פערליבען...

מיט אמאל האט זיך צו רחלם אויערען דערטראגען א טומעל און געדרודע, פון קארידאר, נישט ווייט פון דער טיר פון איהר צימער. רחל האט זיך גענומען איינהערען, און זי האט געהערט עטליכע שטימען מיט אמאל שרייען. זי האט גלייך דערקענט עטליכע פאנס באקאנטע שטימע און א פאר אומבעקאנטע שטימען. נאר איהר הארץ האט זיך אפגעשטעלט און דאס בלוט איז איהר פערגליווערט געווארען אין די אדערען ווען זי האט דערהערט א אויסגעשריי: „איך מוז זי זעהען... כאטש א יא אין מינוט!" ס'איז געווען מאריס'עס קול...

דער ערשטער געפיהל ביי רחלען איז געווען, ארויסצולויפען מיט אפענע ארעמס צו מאריסן איהם ארומכאפען, זיך מיט איהם איבערבעטען... ווען זי האט אבער א ביסל געקענט צוזאמענגענומען איהרע געדאנקען האט זי טנגומען איבערקלערען און טראכטען לאגישער: „אי ב איך זאל צו איהם איצט או ווכלויפען, קאן איך נאך אנגמאכען אזעלכע צרות וואס קאנען ברענגען די ערגסטע אומגליקען כמפעאן דער פאליאק טאר נישט זעהן [אז איך בין פערליבט אין מאריסן... „זיי" וועלען אזא ליבע נישט דולדען... „זיי" זאלען מורא האבען! מאריס איז א פאטריאטישער פראנצויז ! אז זיי וועלען זעהען אז עס איז א געפאהר, פאר מיין ארבייט קאנען זיי איהם נאך אפרוימען פון וועג ! איך מוז זיין זעהר פארזיכטיג... א שלעכטער שריט און לעבענס זענען אין געפאהר!"

אין פערלויף פון איהר פארזיכטיג הענקען, האט מיט א מאל אין איהר אויפגעפלאקט דער צארן וואס זי האט געטראפען צו מאריסן, וואס ער האט זי אזוי ברוטאל פערלאזט. געדאנקען ווי ווילד פייער האבען זיך געצינדעט און געפלאקערט אין איהר מוח: פריהער ווען איך בין געווען הילפלאז, האט ער מיך פערלאזען, און איצט, ווען איך בין גרויס און בעוואוסט, קומט ער צו מיר... פריהער האט ער מורא געהאט עפעס מקריב צו זיין פאר מיר... מורא געהאט פאר זיין טאטען... און איצט, ווען זיין טאטע איז שוין, מסתמא מסכים, קומט ער צו מיר מיט זיין לייטישען טאטענס ערלויבניש!"

זי האט א קוק געטון אויף געבריאנד'ן און זיך אליין געזאגט. א, ער, דער העלדישער אוויאטאר וואלט אזוי נישט געהאנדעלט! ער וואלט געווען געוואגטער! מענערישער! מיט א ביסעל צו להכעיס געפיהל איז איהר איינגעפאלען צו מאכען מאריסן איפערזיכטיג און אין איהם געמען נקמה... נקמה פון א פרוי אין א מאן, וואס האט זי פערלאזען... עס האט איצט אין איהר געברענט די מינוט פון כעס און די שטארקע ליבע צו מאריסן איז אויף דער מינוט איינגעגאנגען אפגעשוואכט געווארען, זי האט זיך א ווענד געטון צו געבריאנדן און מיט א קאקעטיש שפילעוודיג ליכטען מאן איהם גענומען אינטערעסירען:

— איהר ווילט מיר אונטערשפילען א סערענאדע...

איך בעט אייך.. טוט מיר א טובה! עס וועט בלויז זיין שפיל... לייכטער קינדערישער שפיל... לאמיר זיך א ביסל שפילען... יא?

וואס?

— איהר ווילט?

— איך ווייס נישט וואס?

— פיין, איהר מוזט מיר פריהער צוזאגען... ווייזט, אז איהר זייט גרייט עפעס טון פאר מיר.. איך גאראנטיר אייך, אז איך וועט עס גארנישט שאדען, און איהר דארפט מיר בלויז אונטערשפילען...

— נו, גוט! איך זאג צו!

— נעמט מיר ארום און לאמיר זיצען אזוי א רומענטישע! איך וויל איפערזיכטיג מאכען א מאן

— ס'איז נישט שיין! איהר שטעלט מיך פאר אין א מאדנער נארישער לאגע!

— זייט נישט אזוי פערדראסט ערנסט... און קאן זיין, אז איך האב אייך טאקע ליב... און איהר עהרענווארט: איהר האט צוגעזאגט!

געבריאנד האט ערלויבט דער שפילעוודיגער קאפריזנער טשענצערין טון מיט איהם וואס ער וואלט קיינעם נישט ערלויבטעט טון...

דערווייל האט זיך מאריס צוגעריסען צו דער טיר און ווען ר'האט זי געזעהן א מאל אויף איז ער געבליבען שטעהן א פערשטיינערטער, ער האט דערזעהן רחלען מיט געבריאנדען זיצענדיג אויף דער סאפע ארומגענומען, מיט זייערע ליפען בעגעגענט אין א לאנגען קוש

דאס בלוט האט איהם א זעץ געטון אין קאפ אריין. ווערטער האבען זיך גענומען ראנגלען אויף זיינע ליפען און ער האט זיי נישט געקאנט קלאר ארויסזאגען.

רחל האט זיך אומגעקוקט זי האט נישט געווארט, וואס ביי איהם אויפן הארצען טוט זיך וואס פאר א פייער ווס ברענט דארטען.

(פארטזעצונג קומט).

האַנדווערקעריי און האַנדעל

ביליגער קרעדיט פאַר דעטאַליסטן

מעמאָריאַל פון יוד. דעטאַליסטן־פאַרבאַנד צום האַנדעלס־מיניסטעריום

דער צענטראַלער פאַרבאַנד פון די דעטאַליסטן האָט די טעג איבערגעגעבן דעם האַנדעלס־מיניסטעריום אַ מעמאָריאַל וועגן דער סיטואַציע פון די דעטאַל־סוחרים און דראָבנע קרעמער.

אין מעמאָריאַל ווערט אויפגעוויזן, אַז די קויפּקראַפט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געוואָרן קלענער. צוליב דעם, וואָס די דעטאַליסטן געניסן נישט פון קיין שום קרעדיט, איז זייער סיטואַציע געוואָרן זעהר קריטיש. עס ווערט כסדר גרעסער די קאָנקורענץ פון הורט־האַנדעל, וועלכער פאַרקויפט אויך אין איינצעל צו קאָנסומענטן.

אין יאָהר 1936 זענען די אומזאַצן אין האַנדעל געוואָרן קלענער מיט 15 ביז 25 פּראָצענט. צוליב דעם איז געוואָרן גרעסער די צאָהל באַנקראָטן און פּראָטעסטירטע וועקסלען אין די בראַנזשעס פון טריקאָטאַזש, זאָקן, קאָנפעקציע, לעדער, גאַלאַנטעריע הויפּטזעכליך. איז דערין שולדיג די באָיקאָט־אַקציע קעגען יודישע סוחרים, וואָס איז ספּעציעל פיהלבאַר אין קאָנגרעס־פּוילען, אין פּויזנער קאַנט און פּאָמערן.

דער דוחק אין ביליגן קרעדיט ערלויבט נישט די סוחרים צו דערהאַלטן דעם האַנדעל אויף אַ געהעריגער גוטער שטופע. עס פעהלט געלד דעמאָלט, ווען מען דאַרף איינקויפן סחורה.

אין דער שפּייז־ און קאָלאָניאַל־בראַנזשע זענען די אומזאַצן קלענער געוואָרן מיט 15—20 פּראָצענט. די סוחרים פון דער בראַנזשע האָבן בעזונדערס אויסצושטעהן פון די אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן.

די מאַנופאַקטור־סוחרים ליידן פון דער קאָנקורענץ פון די פאַבריקס־קראָמען, וואָס ווערן איבעראַל געעפענט.

אין דער קאָנפעקציע און בעקליידונג־בראַנזשע זענען די אומזאַצן קלענער געוואָרן מיט 30 פּראָצ. צוליב דער רעדוקציע פון די פענסיעס.

די סוחרים ווייזן אָן אויף דער דרינגענדער נויטיגקייט צו ערטיילן ביליגע געלד־קרעדיטן און צו בעזייטיגן די סיבות, וואָס רופן אַרויס באָיקאָט.

פאַרשטעהער פון האַנדווערקער־קאַמער

אינטערווענירען ביים דירעקטאָר פון דער פינאַנץ־קאַמער וועגן אַ רייה שטייער־פראַגען

דער פּרעזעס און דירעקטאָר פון דער האַנדווערקער־קאַמער אין לאָדז האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט׳ן דירעקטאָר פון דער לאָדזער פינאַנץ־קאַמער וועגן די אַקטועלסטע שטייער־פּראָבלעמען, וועלכע זענען נוגע די האַנדווערקער פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

אויף דער קאָנפערענץ זענען בעריהרט געוואָרן פאָלגענדע פראַגען: רופן עקספּערטן ביים אויסמעסטן די שטייערן פאַר האַנדווערקער, בעקאַנט געבן די יסודות פון דער אויסמעסטונג, אַנווענדן נאָרמען פון דורכשניטליכע הכנסה, גלייכמעסיגקייט ביים אויסמעסטן דעם הכנסה און אומזאַץ־שטייער, אָנווענדן הנחות ביים מלוכה׳שן אומזאַץ־שטייער, וועגן לאָקאַל־שטייער, בעפרייען פון עקזעקוציע די אַרבייטס־מכשירים, פּאַטענטן־קאָנטראָל, בעשטעטיגונג פון פאַראיינפאַכטע האַנדעלס־ביכער א. אַז. וו.

דער דירעקטאָר פון דער פינאַנץ־קאַמער האָט זיך זעהר גינסטיג בעצויגן צו די אַרויסגערוקטע פּאָסטולאַטן און צוגעזאָגט אין דער נאָהענטסטער צייט אַרויסצוגעבן ענטשפּרעכנדע פאַראָרדנונגען.

קאָנפערענץ פון די יודישע כאַלופּניקעס־פאַכן

בעשלאָסן צו שאַפן די כאַלופּניקעס־צענטראַלע

זונטאָג איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון כאַלופּניקעס פון אַלע פאַכן מיט דער בעטייליגונג פון אַדוו. סאַלניק.

אין דער קאָנפערענץ האָבן אַנטייל גענומען פאָרשטעהער פון פאָלגענדע פאַכן. מצד די פּאַביאַניצער כאַלופּניקעס: די ה״ה מאַשקאָוויטש, קליוואָווסקי, האַנדעלסמאַן. דאַמען־מאַגאַזין שניידער — לאָדז: ראַשיצקי און רייכמאַן, מענער־מאַגאַזין־שניידער לאָדז, שווענטאַלסקי און בראָנכער, לויך־וועבער: יוזעפאָוויטש, ד. מאַשקאָוויטש און קושעפּיצקי. טריקאָ־נייהער: קלאַפּערמאַק און פראַג.

די קאָנפערענץ איז געריפן געוואָרן צו בעטראַכטן די פראַגע פון פאַטענטן פאַר כאַלופּניקעס אויפ׳ן יאָהר 1937 און אַנדערע פראַגען.

די קאָנפערענץ עפנט ה׳ ד. יוזעפאָוויטש און גיט איבער אַ קליינעם איבערזיכט אין דער פראַגע און דאָס וואָרט בעקומט ה׳ אַדוו. סאַלניק, וועלכער רעפערירט ברייט די פראַגע פון יודישן כאַלופּניק אין דער ליכט פון פאַרשידענע פאַראָרדנונגען.

עס ווערט בעריהרט די פראַגע פון דעם וואָס די פאַבריקאַנטן פאַרצעלירן זייערע פאַבריקן ד. ה. אַז אין אַ גרויסע פאַבריק שאַפן זיך צעהנדליגער קליינע פאַבריקלעך און דאָס ברענגט שאַדן דעם כאַלופּניק, ווייל ער בעקומט נישט קיין אַרבייט פון דעם ליידן נאָך מעהר די אַרבייטער.

דער בעשטאַנד וואָס איז געשאַפן געוואָרן צוליב בעוויסע טעמים מוז בעקעמפט ווערן.

די קאָנפערענץ בעשליסט: צו דורכפיהרן צו אַ געהעריגער טעטיגקייט פון דער כאַלופּניקעס צענטראַלע, אָנצוהויבן אַן אַקציע פאַר די כאַלופּניקעס אין דער פאָרם פון אינטערווענצן אין מיניסטעריום א. א. אין דער ערשטער רייה מוז מען זאָרגן, אַז עס זאָל פאַרעפנטליכט ווערן דאָס געזעץ פאַר כאַלופּניקעס, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט פאַרהאַן. וועגן דער פראַגע זאָלן שוין בקרוב זיך ווענדען מיט מעמאָריאַלן אין מיניסטעריום דעלעגאַציעס פון אַלע בעזונדערע כאַלופּניקעס פאַכן.

עס זאָל אויך זיך ווענדען אַ דעלעגאַציע וואָס וועט בעשטעהן פון איין פאָרשטעהער פון יעדער כאַלופּניק־פאַך, אין פינאַנץ־מיניסטעריום וועגן דער פראַגע פון פאַטענטן פאַר כאַלופּניקעס.

עס ווערט אויך בעשלאָסן פאָרצונעהמען אַן עפענטליכע אַקציע דורך דער פּרעסע קעגען דעם פאַרצעלירן פון די פאַבריקן, אויב די אַקציע וועט נישט געלונגען אַדורכצופיהרן אויף אַ פרידליכן אופן וועלען די כאַלופּניקעס זיין געצוואונגען אָנצווייזן די סיבות פאַר וואָס די פאַבריקאַנטן פאַרצעלירן די פאַבריקן.

קאָאָפּעראַטיוו פון בוי־מאַטעריאַלן

ווערט געשאַפן דורכ׳ן יודישן בלעכער־צעך

די פאַרוואַלטונג פון בלעכער־צעך אין דער האַנדווערקער עקספּאָזיטור האָט פאָרגענומען אַן אַקציע צו שאַפן אַ רויה־מאַטעריאַל קאָאָפּעראַטיוו פאַר די בלעכער.

די איניציאַטיוו פון דער פאַרוואַלטונג צו שאַפן דעם קאָאָפּעראַטיוו איז ענטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרגענומענע אַקציעס מצד די קריסטליכע צעכן צו שאַפן אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון. אויך דער קריסטליכער בלעכער־צעך איז שוין צוגעטרעטן צו שאַפן אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו און צוליב דעם קענען שפּעטער ליידן די יודישע בלעכער, וואָס זיי וועלן נישט זיין אומשטאַנד אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ.

ביי די בלעכער איז די פראַגע פון אַ קאָאָפּעראַטיוו פון רויה מאַטעריאַלן אַ זעהר וויכטיגע און דעריבער איז די פאָרגענומענע אַקציע פון דער פאַרוואַלטונג פון בלעכער־צעך אויפגענומען געוואָרן דורך די מיטגלידער מיט גרויס צופרידענהייט.

די פאַרוואַלטונג האָט שוין פאָרגענומען אַלע שריט צו דורכפיהרן צום שאַפן פון קאָאָפּעראַטיוו און עס איז צו האָפן אַז דאָס וועט בקרוב צושטאַנד קומען.

לעצטענס איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גמילות חסדים קאַסע ביים בלעכער צעך.

אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעוועהלט געוואָרען: רובינאָוויטש, בייגעלמאַן, ראָזענזאַפט, קלאָסנער, זילבערשטיין, גאָלדמאַן און כאַינאָווסקי.

די גמילות חסדים קאַסע פיהרט אָן אַ ברייטע טעטיגקייט אויפ׳ן געביט פון ערטיילן קרעדיטן און שאַפט די נויטיגע געלד פאָנדען צום ערטיילן קרעדיטן פאַר די מיטגלידער.

אַ דאַנק דער פּראָדוקטיווער טעטיגקייט פון דער גמילות חסדים קאַסע איז צו האָפן, אַז בקרוב וועט די קאַסע בעקומען אַ גרעסערן פאָנד פון די געלדער וואָס זענען רעזערווירט פאַר גמילות חסדים קאַסעס.

געשאַפן די סעקציע פון אַגענטן ביי דער דרוקער־קאָרפּאָראַציע

זונטאָג, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע קאָנפערענץ אין דער דרוקער קאָרפּאָראַציע וועגן דער אַגענטן־פראַגע, צו וועלכער עס זענען געקומען אַ גרויסע צאָהל אַגענטן.

נאָכדעם, ווי פּרעזעס ראַפּאַפּאָרט עפנט די זיצונג מיט אַ קורצער ערקלערונג ערטיילט ער דאָס וואָרט דעם מיטגליד פון דער קאָמיסיע פאַר ענינים פון אַגענטן ה׳ יאַסקאָוויטש, וועלכער טיילט מיט די פאַרזאַמעלטע דעם צוועק פון דער קאָנפערענץ.

אַלס פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ ווערט געוועהלט ה׳ רייזמאַן, וועלכער גיט אָפּ אַ קורצן בעריכט וועגן דער אַקציע, אונטערשטרייכענדיג דערביי, אַז ביי אַ גוטן ווילן פון ביידע צדדים וועט זיך זיכער לאָזן עפּעס דורכפיהרן לטובת אַלע, וואָס בעשעפטיגן זיך אין דרוקער־בראַנזשע.

דער מיטגליד פון דער קאָמיסיע ה׳ וויסקאָפּף האַלט דאַן אַ לענגערן רעפעראַט וועגן דער לאַגע אין פאַך און נאָך אַ גענויע אַנאַליזירונג פון דער איצטיגער אַקציע אַפּעלירט ער צו די פאַרזאַמעלטע אַגענטן צוזאַמענצואַרבייטן מיט דער קאָרפּאָראַציע כדי געמיינזאַם צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דער דרוקעריי־בראַנזשע.

ה׳ יעלענאָוויטש זאָגט זיך אויך אַרויס פאַר אַ געמיינזאַמער פאַרשטענדיגונג, וועלכע זאָל זיכער געבערענגט צו אַן עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג סיי פאַר דרוקער און סיי פאַר אַגענטן.

ה׳ ל. סטריקאָווסקי פּראָטעסטירט געגען אַ טייל דרוקער, וועלכע טוען בעוואוסטזיניג פאַרשפּרייטן רכילות אויף פאַרשידענע דרוקער, ערקלערענדיג דערביי, אַז די פאַרוואַלטונג אַלס לעגאַלע אינסטיטוציע וועט קיינמאָל נישט בעגעהן אַ פאַרברעך, נאָר אייביג זיך שטיצן אויף די בעשטעטיגטע סטאַטוטען. צום סוף לעגט ה׳ ס. פּאַר, אַז די פאַרזאַמעלטע אַגענטן זאָלן זיך תיכף רעגיסטרירן אַלס מיטגלידער פון דער סעקציע.

פּרעזעס ראַפּאַפּאָרט לעגט פאָר צו וועהלן אַ קאָמיסיע פון די אַגענטן, וועלכע זאָל אַרבייטן צוזאַמען מיט דער קאָרפּאָראַציע־קאָמיסיע, כדי די אַלע שטרייט פראַגען צו ערלעדיגן.

ס׳ווערט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע: די פאַרזאַמלונג פון אַגענטן בעשליסט, אַז אַלע אַגענטן מוזען זיך רעגיסטרירן אין דער סעקציע פאַר אַגענטן ביי דער דרוקער־קאָרפּאָראַציע, און נאָכדעם ווי עס ווערט אויסגעוועהלט אַ קאָמיסיע פון 8 פּערזאָן ווערט די קאָנפערענץ געשלאָסן.

ווער קען בעקומען לעגיטימאַציעס צו בעשעפטיגן לערן־יונגלער?

דער פאַראייניגטער קאָמיטעט פאַר די ענינים פון יודישער מלאכה קלערט אויף:

היות ווי אויך איצט קען מען זיך נאָך בעמיהען וועגן אַרויסבעקומען לעגיטימאַציעס וואָס גיבען אַ רעכט צו שליסן אָפּמאַכן מיט לערן־יונגלעך, דאַרפן אַלע נישט דיפּלאָמירטע האַנדווערקער, וואָס האָבן אין יאָהר 1927 געפיהרט אַ זעלבסט־שטעטיגונגען אין די מאַגיסטראַטן, גמינע־אַמטען ליכע אַלס לערן־יונגלער, תיכף אַרויסנעהמען בעשטעטיגונגען אין די מאַגיסטראַטן, גמינע־אַמטען אָדער צעכען און ווענדען זיך מיט אַ ביטע צו דער געהעריגער האַנדווערקער־קאַמער וועגן צושיקן זיי אַן ענטשפּרעכנדע לעגיטימאַציע.

דערביי מאַכט דער פאַראייניגטער קאָמיטעט אויפמערקזאַם, אַז די דאָזיגע לעגיטימאַציע גיט נישט בלויז אַ רעכט אָנצונעמען און שליסן אָפּמאַכן מיט יונגלעכע, נאָר אין פאַל, ווען מען וויל צוטרעטן צום מייסטער־עקזאַמען, בעפרייט אויך די דאָזיגע לעגיטימאַציע פון צושטעלן אַ געזעלן־דיפּלאָם אָדער אַ צייגניש פון אַ פאַך־דערגענצונגס־שול, וואָס ווערט געוועהנליך געפאָדערט ביים בעלעגן דעם עקזאַמען אַלס דיפּלאָמירטער מייסטער.

עס איז דעריבער דער חוב פון אַלע דערצו בערעכטיגטע האַנדווערקער נישט אָפּצולייגן דאָס אַרויסנעהמען די געהעריגע לעגיטימאַציעס.

אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער פאַראייניגטער קאָמיטעט פאַר די ענינים פון יודישער מלאכה אין וואַרשע (קעניג אַלבערט־גאַס 8) און די לאָקאַלע קאָמיטעטן אויף דער פּראָווינץ. (יט״א)

(ווייטערדיגע האַנדווערקער ידיעות [illegible])

אויף דער וואָר

דאָס כאַלופּניקעס־פּראָבלעם

אין יאָהר 1922 איז דורכ׳ן דעמאָלסדיגען סיים דעפּוטאַט ה׳ נח פּרילוצקי אַריינגעטראָגן געוואָרן אין סיים אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס האָט געזאָלט לעזען די כאַלופּניקעס־פּראַגע אין פּוילען. וועלכע איז שוין דאַן געווען אַ זעהר אָנגעוויטאָגטע און ס׳האָבן זיך שוין דעמאָלט געפינען 400 טויזענט נפשות, וועלכע האָבן געאַרבייט ביי שווערע בעדינגונגען.

אָט דער געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער פייערט שוין באַלד זיין 15־יעהריגע יאָהרצייט, זייט ער האָט זוכה געווען צו קומען צו קבורה אויפ׳ן געזעץ־פּראָיעקטן בית־הקברות אויף וויעיסקאַ גאַס, און איז שוין פאַרגעסן געוואָרן אַפילו דורך זיינע מחברים, מוז צוריק געריפן ווערן צום לעבען. ווייל דורך דער צייט האָט זיך די כאַלופּניקעס־צאָהל פאַרדאָפּעלט, די נויט פאַרפיינפאַכט און די אַרבייטס־לוינען זענען קלענער געוואָרן אויף אַפשר הונדערט פּראָצענט. מחמת מיט 15 יאָהר צוריק האָט פאַרט אַ שניידער־כאַלופּניק נאָך נישט געהאַט קיין השגה פון נעמען 18 גראָשן פאַר אויפנייען אַ פּאָר הויזען, און דערביי זאָל געמאָלט זיין, אַז די שטייער־מאַכט זאָל איהם אויפצווינגען אויסצוקויפן אַ זיבעטע קאַטעגאָריע פּאַטענט פאַר קרוב הונדערט זלאָטעס א חוץ אַבראָטאָווע און דאָכאָדאָווע אין דער צייט ווען ער, צוזאַמען מיט׳ן „ווערקשטעל" — 5—6 פּערזאָן, פאַרדינען נישט אויף אַ האַלבער פּרנסה, וואָס בעשטעהט פון טרוקן ברויט און אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ.

איך ווייס נישט און קען מיר אַפילו נישט אויסמאָהלען אין געדאַנק, ווי ס׳וואָלט אויסגעזעהן די לאַגע, ווען אַ כאַלופּניק זאָל, צוליב די אַלע רדיפות, אַרבייטן אַליין אָהן געזעלן, איינס ווייס איך זיכער:— קיין עקספּערט פון טעקסטיל־פּראָדוקטן וואָלט אין פּוילען מעהר נישט עקזיסטירט, אַזש ביז אַ כאַלופּניקעס־געזעץ, וואָס זאָל רעגולירן דעם אַרבייטס־לוין, אַרבייטס־בעדינגונגען און אַנדערע סאָציאַלע מאָמענטן פון די כאַלופּניקעס, איז מען יוצא מיט פאַראָרדנונגען און טאַנדייט־סוראַגאַטען פון האַלבע געזעצן, וועלכע פאַרקריפּלען נאָכמעהר דאָס פּראָבלעם. אָט איז, למשל, פאַרהאַן אין פּוילען אַ געזעץ, וואָס גילט ביז׳ן היינטיגען טאָג, אין וועלכען ס׳זאָגט זיך, אַז אַ כאַלופּניק איז דער, וואָס אַרבייט אַליין אָדער מיט דער הילף פון געדונגענע אַרבייטער און ער, צוזאַמען מיט זיינע געזעלן, מוז זיין געמאָלדען אין דער אובעזפּיעטשאַלניע אויפ׳ן רעכנונג פון אַרבייטסגעבער. איז נישט קוקענדיג, וואָס דאָס געזעץ לעבט און איז נאָך נישט אָפּגעשאַפט, גיט אַרויס אַ פאַראָרדנונג דער האַנדעלס־מיניסטער, אַז אַ כאַלופּניק איז נאָר דער, וואָס אַרבייט אַליין. קוים בעשעפטיגט ער אַפילו איין פרעמדען מענש, איז ער נישט מעהר קיין כאַלופּניק און אונטערליגט דעם אינדוסטריע־געזעץ און מוז האָבן אַ האַנדווערקער־קאַרטע און אַלס פּועל־יוצא — אויסקויפן אַ פּאַטענט און צאָהלען שטייערן.

דורך דער צייט האָבן ענגלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך, נאָרוועגיען, טשעכאָסלאָוואַקיען, אַרויסגעגעבן געזעצן, וועלכע סאַנירען ראַדיקאַל דאָס כאַלופּניקעס־פּראָבלעם, נאָר אין פּוילען ליגט נאָך אַלץ דער געזעץ־פּראָיעקט אויפ׳ן וואַרשטאַט פון די פאַרשידענע מיניסטעריאַלע רעסאָרטען און אַרבייטן איבער איהם און האַלטן איהם אין איין מאַכן פאַר „לייט".

מ׳וויל אַלץ נישט בעגרייפן אַזאַ עלעמענטאַרען אמת. ווי: אָדער מ׳גיט וואָס גיכער אַרויס אַ געזעץ, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו דעם כאַאָס, וואָס הערשט אין דער כאַלופּניצטוואָ בנוגע אַרבייטס־בעדינגונגען און לוינען, אָדער מ׳פאַרשטעהט, אַז ביי די היינטיגע פאַרהעלטנישן איז נישט מעגליך פאַר אַ כאַלופּניק צו אַרבייטן אַליין און דערביי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט פאַר זיך און זיין פאַמיליע.

ס׳איז שוין באמת צייט, אַז מ׳זאָל דעם געזעץ־פּראָיעקט מחייה מתים זיין.

מ. לאַנגנאַס.

רוטינירטע
בוכהאַלטערס
(בעדייטענדע פאַכמענישע ערשטקלאַסיגע קרעפטען מיט העכערער האַנדעלס־בילדונג) מיט פיליעהריגער פּראַקטיק, מיט דער קענטניש פון סקאַרבאָווע שטייער־געזעצן, נעהמען אָן צו פיהרן
האַנדעלס־ביכער
גינסטיגע בעדינגונגען. ערשטקלאַסיגע רעפערענצן. פולע פעראַנטוואָרטליכקייט און אַנערקענונגס־גאַראַנטיע.
אינפאָרמאַציעס: טעל. 28־229 אָדער אין סוחרים־פאַרבאַנד פּאָמאָרסקאַ 15 פון 6—9 אָוונט.

דאָס לאָדזער לעבען

דינסטאג, 19 יאַנואַר
ז' שבט תרצ"ז

זון־אויפגאַנג 7.18
זון־אונטערגאַנג 3.59

פֿאַר דער היינטיגער זיצונג פֿון שטאָט־ראַט

מאַגיסטראַט טראַגט אַריין א פֿאָרשלאַג וועגען בודזשעט־דעפֿיציט. — וועגען מיטגלידער אין די קאָמיסיעס פֿון יודיש־בירגערליכע פֿראַקציעס. — בעראַטונגען פֿון די פֿראַקציעס. — צי וועלען היינט געוויילט ווערען דעקלאַראַציעס פֿון די ריכטונגען. — די ענדעקעס גרייטען זיך

היינט 7 אין אָוונד קומט פֿאָר א זיצונג פֿון שטאָט־ראַט מיט א נאָרמאַלען טאָג־אָרדנונג, אויף דער זיצונג וועט פּרעזידענט גאָ־לעווסקי האַלטען זיין עקספּאָזע וועגען בודזשעט אויפֿ'ן יאָהר 1937.

נעכטען איז פֿאָרגעקומען א זיצונג פֿון מאַגי־סטראַט־קאָלעגיום אויף וועלכע ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוטרעטען אויף דער היינטיגער שטאָט־ראַט זיצונג מיט א פֿאָרשלאַג צו נעהמען א לאַנג־טערמיניגע הלוואה אין דער הויך פֿון 1,900,000 זל. אויף צו דעקען דעם דעפֿיציט פֿון אינוועסטיציע־בודזשעט. דער דעפֿיציט איז ענטשטאַנען צוליב דעם וואָס די סעזאָן־אַרבייטען האָבען היי־יאָהר געדויערט ביז איבער נאָוועמבער און אנשטאַט 5 טעג א וואָך האָבען די אַרבייטער גע־אַרבייט 6 טעג.

ווי בעקאַנט וועלען אויף דער היינטיגער זי־צונג פֿון שטאָט־ראַט געוועהלט ווערען עטליכע קאָמיסיעס, די וואַהלען פֿון די קאָמיסיע קומען פֿאַר אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות. צוליב דעם וואָס די צאָהל מיטגלידער אין יעדער קאָמיסיע איז א קליינע, האָבען די יודיש־בירגערליכע ראַטמענער נישט קיין שום שאַנסען אַריינצופֿיהרען וועמען ס'איז אין א קאָמיסיע, וואָס האָט א זעהר וויכטיגע בעדייטונג.

היות ווי ס'איז פֿאָראויסצוזעהען, אַז ס'זאָל אויף דער מאָרגענדיגער זיצונג אַריינגעטראָגען ווער־רען א פֿאָרשלאַג וועגען פֿערגרעסערען די צאָהל מיטגלידער אין די קאָמיסיעס, איז נעכטען פֿאָרגע־קומען א בעראַטונג פֿון די יודישע ראַטמענער פֿון „אגודה", ציוניסטען, פֿאָלקיסטען און התאחדות אויף וועלכען ס'איז בעטראַכט געוואָרען דער דאָ־זיגער ענין, ס'איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אויב אַזאַ פֿאָרשלאַג וועט אַריינגעטראָגען ווערען און וועט אָנגענומען ווערען, זאָל מען אין דער בודזשעט קאָמיסיע דעסיגנירען דעם ראַ"מ. ד"ר עלענבערג, אין דער קאָמיסיע פֿאַר אַלגעמיינע ענינים ראַטמ. אדוו. ווייצמאַן, אין דער יודיש־רעגולאַמין־קאָ־מיסיע ראַטמ. אדוו. שטרויך, פֿאַר די ראַטמענער ליבערמאַן און לעווין איז איבערגעלאָזען געוואָרען די קאָמיסיע פֿאַר געזעלשאַפֿטליכער שוץ און גע־זונדהייט. וועלכע וועלען געוועהלט ווערען אויף א צווייטער זיצונג פֿון שטאָט־ראַט.

נעכטען זענען פֿאָרגעקומען בעראַטונגען פֿון פּ. פּ. ס'ישער פֿראַקציע און אויך פֿון דער בונדי־שער וועגען דער טאַקטיק אויף דער היינטיגער זיצונג פֿון שטאָט־ראַט.

אין לאָדז האָט עהרענבכטען אויך געוויילט דער געוועהלטער פּרעזידענט פֿון לאָדז באַרבערט באַרליצקי, ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איז אין א.ק.ר. פֿון פּ.פּ.ס. פֿאָרגעקומען א צוזאַמענטרעף פֿון די פּ.פּ.ס'ישע און בונדישע ראַטמענער מיט'ן קומענ־דיגען פּרעזידענט באַרליצקי, אויף דעם צוזאַמענ־טרעף זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס פֿון הי באַרליצקי און פֿון עטליכע פּ.פּ.ס'ישע און בונדישע ראַטמענער.

די ענדעקעס גרייטען זיך שטאַרק צו דער היינטיגער זיצונג, זיי גרייטען צו פֿאָרשלאָגען אַהן א שיער, דערווייל האַלטען זיי אַלץ בסוד, ס'זענען דעריבער נישט אויסגעשלאָסען קיין אומאַנגענעהמע איבעראַשונגען..

די אַרבע תקנות פֿון לאָדזער ראַבינאַט

פֿאַר די קצבים, וועלכע האָבען קאָנצעסיעס

עהערנעכטען איז פֿאָרגעקומען א זיצונג פֿון לאָדזער ראַבינאַט וועגען דעם פֿערקויף פֿון פֿלייש אין די יאַטקעס פֿון דער כשרער שחיטה. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען הכשרים פֿאַר די קצבים, וועלכע וועלען זיך אונ־טערשרייבען א גאַנצע רייהע פֿערפּליכטונגען, אַז זיי וועלען אָפּהיטען אַלע ענינים פֿון כשרות, אַז זיי וועלען קיין יוד נישט פֿערקויפֿען קיין טרפֿה פֿלייש, ווען אַפֿילו דער יוד וועט פֿערלאַנגען אַזאַ פֿלייש.

אינטערווענץ פֿון די קוה־שטאַהל־בעזיצער אין סטאַראָסטווע

אָפּצולעגען די פֿעראָרדנונג וועגען בעזייטיגען די שטאַלען פֿון צענטער שטאָט

האָט נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג

א דעלעגאַציע פֿון קיה שטאַל־בעזיצער צו־זאַמען מיט א פֿאָרשטעהער פֿון צענטראַלען קליינ־הענדלער־פֿערבאַנד האָט אינטערווענירט אין דער סטאַראָסטווע, אַז די פֿעראָרדנונג, לויט וועלכער אַלע קיה־שטאַלען וואָס געפֿינען זיך אין צענטער שטאָט מוזען ליקווידירט ווערען ביז'ן חודש מאַי, זאָל אָפּגעלעגט ווערען.

די אינטערווענץ האָט נישט געהאַט קיין פּעולה און די אַלע, וועלכע האָבען אַזעלכע שטאַ־לען מוזען זיי אַריבערפֿיהרען הינטער דער שטאָט ביז'ן חודש מאַי.

צוליב דער דאָזיגער פֿעראָרדנונג, וועלכע ווערט מאָטיווירט מיט סאַניטערע טעמים, וועלען אַנ'ערך 100 קיה־שטאַל־בעזיצער מוזען ליקווידירען זייערע פּרנסות. ווייל זיי וועלען נישט קענען ווייטער פֿיהרען זייערע דראָבנע אונטערנעהמונג.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז ענטשטאַנען דער געדאַנק צו שאַפֿען א קאָאָפּעראַטיוו פֿון די מיטגלידער פֿון דעם קיה־בעזיצער־פֿאַראיין, וועל־כער זאָל קויפֿען א פּלאַץ און אויפֿבויען א שטאַל פֿאַר אַלע קיה, וועלכע וועלען אין חודש מאַי עקסמיטירט ווערען. מיט אייגענע פֿינאַנציעלע מיט־לען קענען דאָס אָבער די קיה־בעזיצער נישט טון און דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען זיך צו ווענ־דען צו דער יודישער קהלה, יודישע ראַטמענער, צענטראַלען קליינהענדלער־פֿערבאַנד און צו אַנ־דערע אינסטיטוציעס, אַז מ'זאָל זיי העלפֿען שאַפֿען דעם קאָאָפּעראַטיוו, ווייל אַנדערש ווערען זיי דער־פֿיהרט צו א פֿולשטענדיגען רואין.

פֿאָטער און זוהן אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק פֿאַר פֿעלשען וועקסלען

(א) רעגינא הערץ, אינהאַבערי'ן פֿון הויז אויף פּיעטריקאָווער 166, האָט געמעלדעט דער פּאָליציי, אַז איהרע לאָקאַטאָרען יאַנקעל און אברהם גאָלדבערג (פֿאָטער און זוהן) האָבען אונטערגעשריבען מיט איהר נאָמען וועקסלען און זיי געלאָזט אין גאַנג. די אויספֿאָרשונג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די גאָלד־בערגס האָבען ווירקליך אויסגעשריבען צוויי וועק־סלען: אויף 60 און אויף 100 זל. אָבער פֿאַר'ן צאָהלטערמין האָט יאַנקעל גאָלדבערג (דער פֿאָטער) געבעטען די הערץ, אַז אויב זי וועט בעקומען א מעלדונג אויף א וועקסעל פֿון 60 זל. זאָל זי צו־וויסען טון, וועט ער דעם וועקסעל אויסקויפֿען, אַזוי איז אויך געשעהען, ווען די הערץ האָט אָבער שפּע־טער בעקומען א מיטטיילונג וועגען דעם צווייטען וועקסעל פֿון הונדערט זל. האָט זי אַליין דעם וועק־סעל אויסגעקויפֿט און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס גאָלדבערג האָט איהר די 100 זל. צוגעשיקט — דעם ענין איבערגעגעבען דער פּראָקוראַטור.

נעכטען זענען ביידע גאָלדבערגס געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס באַנק

דאָס קרייז גריכט האָט זיי פֿערמשפּט צו א יאָהר תּפֿיסה יעדען.

פֿאַר וועלען איבערקויפֿען א פּאָליציאַנט

6 און 8 חדשים טורמע

(א) יוסף ברונשטיין א פּראָפֿעסיאָנעלער גנב געזוכט דורך דער פּאָליציי. האָט זיך אויסבעהאַל־טען ביי זייערער א שוועגעריו, א געוויסער מירל קאַקאַס (ריבנאַ 8). די פּאָליציי האָט אויף דעם אָרט אַרויסדעלעגירט דעם געהיים־אַגענט יאַן אַק־וואָל. וועלכער האָט ברונשטיינען אין דער וואוי־נונג פֿון דער קאַקאַס אַרעסטירט.

אויפֿ'ן וועג אין אַרעסט האָט ברונשטיין געטרובט איבערצוקויפֿען דעם פּאָליציאַנט, די קאַקאַס האָט אים איהר וואוינונג אויך געוואָלט בעצאַהלען דעם פּאָליציאַנט, ער זאָל ברונשטיינען פֿון דער וואוינונג נישט אַרויסנעהמען.

אַקוואָל האָט וועגען דעם מיטגעטיילט דער מאַכט.

און נעכטען זענען די קאַקאַס און ברונשטיין געשטאַנען פֿאַרן געריכט פֿאַר פּרובען אונטערקויפֿען א פּאָליציאַנט.

דאָס קרייז־געריכט האָט פֿערמשפּט די 25־יעהריגע מירעל קאַקאַס אויף 6 חדשים טורמע, אָפּלעגען די שטראָף, און דעם 47־יעהריגען יוסף ברונשטיין אויף 8 חדשים תּפֿיסה.

Dr. med. Trepman

ספּעציאַליסט פֿאַר טריפּער, סיפֿילים און הויט־קראַנקהייטען,

בעהאַנדלונג פֿון מענער־שוואַכע

זאַוואַדזקאַ 6, טעל. 234־12

בעמט אָן פֿון 8—11 נאָכמ. און פֿון 6—8 אָוונד

א האַלב יאָהר טורמע

פֿאַר בעליידיגען די קריסטליכע אמונה

(א) נאָך אינם יאָהר 1932 האָט די געזעלשאַפֿט פֿון ביבעל־פֿאָרשער אַרויסגעגעבען א בראָשור א. נ. „קרולעסטוואַ נאַרזשעיאַ שוויאַטאַ", וואָס איז בעשרייבט דערשיינען אין 60 שפּראַכען און איז פֿער־שפּרייט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

דעם 10 יולי 1936 האָט די היגע פּראָקוראַטור די דאָזיגע בראָשור פֿערווערט צו פֿערשפּרייטען און זי קאָנפֿיסקירט, אָנגעבענדיג, אַז זי צילט אינם קריסטליכען גלויבען פֿון פּוילען.

די סיבה דערפֿון איז געווען די וואָס אין דער דאָ־זיגער בראָשור האָט זיך געפֿינען אַזאַ פֿראַזע: „די קריסטליכע אָרגאַניזאַציע איז אַן אָרגאַניזאַציע פֿון שטן און דאָס — די אַבוי ותדינסטע".

אין דערזעלבער בראָשור איז אויך געווען אָפּגע־דרוקט א בילדעל מיט דער אויפֿשריפֿט: „גאָטס משפּט איבער'ן קריסטענטום". דאָס דאָזיגע בילדעל האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט א שווערט פֿון הימעל פֿערמאַסטען איבער דער אומגערעכטיגקייט און דעם מאַמאָן. די לאַטייניש אונטערשריפֿט האָט געלוי־טעט: „גאָלד און אוצר".

מחמת דעם איז צוגעצויגן געוואָרן צו פֿעראַנט־וואָרטליכקייט דער לייטער פֿון דער ביבעל־פֿאָרשער געזעלשאַפֿט, ווילהעלם שיידער, וועלכער איז נעכטען געשטאַנען פֿאַרן קרייזגעריכט.

צו זיין פֿערטיידיגונג האָט ער זיך בערופֿען אויף בעריהמטע וועלט־פּערזענליכקייטען און אַפֿילו אויף מוסאָליני, וועלכער בעציהט זיך אויך קרי־טיש צו געוויסע פּראָבלעמען...

שיידער איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף 6 חדשים טורמע אָבער די שטראָף איז איהם אויפֿן יסוד פֿון דער אַמנעסטיע, געשענקט געוואָרען.

ביי'ער פֿאָלקספּלאַץ

צוגאַב פּאָבאָר־קאָמיסיע

וועט טעטיג זיין ד. 28־טען ד. ח.

(א) דעם 28 ד.ח. וועט אין לאָקאַל (פּעטריקאָווער 165) אַמטירען די צוגאַב פּאָבאָר־קאָמיסיע. שטעלען דאַרפֿען זיך די פּאָבאָראָוועס פֿון יאָהרגאַנג 1916 און עלטערע, וועלכע האָבען נאָך ביז איצט נישט רעגולירט די מיליטער־פֿליכט, דאַרפֿען זיך שטעלען די וואָס וואוינען אויפֿן שטח פֿון די 1. 4. 6. 7. 10. 12. 13. און 14־טע פּאָליציי קאָמיסאַריאַטען.

צוליב דער פֿראָסט

פֿערקלענערט די פֿרעקווענץ אין די שולען

צוליב דער קעלט לאָזט זיך בעמערקען א בעדייטענדע פֿערקלענערונג פֿון דער פֿרעקווענץ אין די פֿאָלקס־שולעס. דאָס דערקלערט זיך דער־מיט, וואָס די קינדער האָבען נישט גענוג וואַרימע קליידונג.

די אַקציע צו דערנעהרען און צו אָרגאַני־זירען שוויעטליצעס פֿאַר די שול־קינדער האָבען איצט א ספּעציעלע אויפֿגאַבע צו פֿערזאָרגען די קינדער מיט וואַרעמע קליידונג צו דעם פֿאַרצו־וואַרימען מילך אָדער הייסען גטקעכץ אין שולע.

א דעלעגאַציע פֿון פֿעראיין פֿון לעגיאָניסטען ביים וואָיעוואָדע

(א) דער וואָיעוואָדע האוקע נאָוואַק האָט נעכטען אויפֿגענומען א דעלעגאַציע פֿון פֿאַראיין פֿון לעגיאָניסטען, וועלכע האָט איהם בעריכטעט וועגען א רייהע ענינים וואָס האָבען א שייכות מיט דער אָרגאַניזאַציע פֿון די לעגיאָניסטען.

פּערזענליכעס

(א) דער לאָדזשער וואָיעוואָדע ה' האוקע נאָוואַק האָט נעכטען אויפֿגענומען אויף אַן אוידיענץ דעם ניי־נאָמינירטען פּרעזעס פֿון דער לאַנדווירט־שאַפֿט־קאַמער ה' פּיאַטראָווסקי, דער דאָזיגער וויזיט האָט געהאַט א חוץ דעם רעפּרעזענטאַטיווען כאַ־ראַקטער אויך אַלס ציל דאָס בעשפּרעכען א רייע לאַנדווירטשאַפֿטליכע פֿראַגען.

קאָמפּענסאַציע־טראַנזאַקציעס אויף עגיפּטישען באַנוועל

(א) ווי מען דערוויסט זיך, זענען די ער־שטע פּרובען וואָס זענען געמאַכט געוואָרען דורך דער פֿירמע בריילאַגפּל אין וואַרשע, וועלכע האָט געשלאָסען א קאָמפּענסאַציע־טראַנזאַקציע אויס'ן אימפּאָרט פֿון עגיפּטישען באַנוועל אַנשטאַט דעם אַרויספֿיהרען פֿערטיגע טעקסטיל־אויסאַרבייטונגען אויף א סומע פֿון 800 טויזענד זל. האָבען שוין געגעבען פּאָזיטיווע רעזולטאַטען.

די לאָדזער אינדוסטריע וועט זיך ווייטער בעמיהען אַז די אויבענדערמאַנטע טראַנזאַקציע־קאָמפּענסאַציעס זאָלען בעדייטענד פֿערגרעסערט ווערען נאָכמעהר צוליב דעם, וואָס דער געברויך פֿון עגיפּטישען באַנוועל פֿערגרעסערט זיך אַלס מעהר.

ZACHĘTA

זגערזשער 26

היינט און פֿאָלג. טעג!

גרויסער פֿילם פֿול מיט עראָטיק, און וואָס שילדערט איז שרעקליכע מאַרבען דעם צאַריזם א. נ.

„בורלאַק פֿון דער וואָלגע"

אין די הויפּט־ראָלען: INKISZYMOW
Wiera Korene Pierre Blanchar

2) גרויסער פֿילם א. נ.

„ווי האָבען זיך בעקאַנט אין מאַנטע־קאַרלאָ"

אין דער הויפּטראָל Liljana Harvey

נעכסטער פּראָגראַם:
„KAPITAN BLOOD"

אָנהויב 4 נ"מ, שבת און זונטאָג—12 ביים.

מוראדיגער אויפרייס פון א קעסל

9 געפעהרליך-אפגעבריהטע, פערוואונדעטע ארבייטער אפגעפיהרט אין שפיטאל

ארעסטירט דעם פאבריקאנט זארזשעווסקי

(א) נעכטען האלב 9 אינדערפריה איז אויף פאמארסקא 4 פארגעקומען א מוראדיגער אויפרייס, וועלכער איז געהערט געווארן אויף א ווייטען שטח ארום.

גלייך נאך דעם אויפרייס האבען זיך דערהערט שרעקליכע הילפס־רופען און קרעכצען.

ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען האט דער אויפרייס פאסירט אויפן צווייטען שטאק אין דער שנור־ראוואדלע פאבריק פון ישראל זארזשעווסקי.

די דאזיגע פאבריק געפינט זיך אין דער טיף פון הויף אין א צוויי־שטאקיגען בנין. זארזשעווסקי'ס פאבריק פארנעמט דעם צווייטען שטאק, וואו עס שטייען שנוראוואדלע ־ מאשינען, וועלכע ווערען בעדינט דורך 15 ארבייטער.

דעם פארטער און ערשטען שטאק פערנעמט דער באלעבאס פונם בנין, לעאן לאסקאוו־סקי, וועלכער פיהרט א שפולקעס פאבריק, אין וועלכער עס זענען בעשעפטיגט 50 ארבייטער.

נעכטען אין דער פריה ווען די ארבייטער זע־נען געקומען צו דער ארבייט, האט איינער פון זיי, טאמאש טשיעשליגסקי גענומען הייצען דעם קעסעל, וואס געפינט זיך אויפן צווייטען שטאק אין זארזשעווסקי'ס פאבריק.

אזוי ווי אינם פאבריק־זאל איז געווען שטארק קאלט, מחמת זונטאג האט מען דארטען נישט גע־הייצט, האבען זיך די ארבייטער ארומגעשטעלט ארום דעם קעסעל־אויוועז און זיך געווארימט די הענט.

פונם שנעלען הייצן האט זיך אנטוויקעלט א צו־שטארקער דרוק אין די קעסעל־רעהרען, וואס זענען אגב געווען צוגעפרירען, און אזוי ווי דער דאמף האט נישט געהאט קיין אויסגאנג — איז פארגעקומען דער אויפרייס. וואס האט מיט א גע־וואלדיגער קראפט צורעסט דעם קעסעל.

די קראפט פון דער עקספלאזיע איז געווען אזוי ריזיג, אז די הויפט־וואנד פון צווייטען שטאק איז ארויסגעזעצט געווארן צוזאמען מיט א טייל פונם טרעפען־טאנג.

די ארבייטער, וואס האבען זיך געפונען אויף די ניתרויגערע שטאקען האבען זיך אין א פאניש־ער שרעק געלאזט אנטלויפן, אלארמירענדיג פאגאטא ווינ. פייערלעשער און פאליציי.

אויפ'ן ארט פונם אומגליק זענען תיכף אנגעקומען 2 פייערלעשער ־ אפטיילונגען, וועלכע האבען זיך קודם כל גענומען צו ארויסשלעפען די ארבייטער פון אונטער די חורבות און צו לעשען דאס ענטשטאנענע פייער, וואס האט בעדראהט דעם גאנצען בנין.

עס זענען אויך באלד אנגעקומען 2 פאגאטא־וויע־קעטשלעך און די דאקטוירים האבען זיך תיכף גענומען צו העלפען די פערוואונדעטע און אפגע־בריהטע.

אזוי איז ערטיילט געווארען הילף צו 9 פער־זאן פון וועלכע 8 זענען אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל. זייערע נעמען זענען:

דוד וועקסלער, 33 יאהר אלט (פאלודניאווא 30), טאדעאוש טשיעשליגסקי, 34 יאהר אלט (דזשיקא 34), העלענא יאכימאוואלסקא 29 יאהר אלט (פאמארסקא 84), פעטער וואדיסלאווסקי, 29 יאהר אלט (חרעוונאווסקא 47). פלארענטינא פעלקא, 38 יאהר אלט (בזשעזשינער 78), מאריא יאוואָרסקא, 47 יאהר אלט (בזשעזשינער 63), קאראל שעפלער, 34 יאהר אלט (פאמאריסקא 139), סטאניסלאוו שמיאלאווסקי, 42 יאהר אלט (פאסטערסקא 4).

די אלע אויסגערעכנטע זענען אפגעבריהט אדער בעשעדיגט געווארן, און מ'האט זיי איבער־געפיהרט אין שפיטאל.

לייכטער איז פערוואונדעט געווארען די 46־יאהריגע יאנינא ווילטשינסקא (פאמארסקא 103).

אויפן ארט פון דער קאטאסטראפע זענען אנ־געקומען פארשטעהער פון דער אויספארשונגס־מאכט, פון דער פאליציי, אדמיניסטראציע און גע־ריכט, און צ. א. דער סטאראסטע, ד"ר מאסטאוו־סקי, דער פאליציי ־ קאמענדאנט אינספ. ניעדזשעל־סקי, ארבייטס ־ אינספעקטאר קאקאווסקי, פראקו־ראר ארליקאווסקי.

בעת עס איז געפיהרט געווארען די רעטונגס־ארבייט, האט זיך דערהערט א געשריי, אז נאך דריי ארבייטער געפינען זיך אונטער די חורבות. אזוי ווי א ליאדע רגע האט געקאנט איינפאלען נאך א טייל וואנד, האט מען געמוזט פערזיכערן די ווענד, בכדי ארויסצושלעפען די פערשאטענע. די פייער־לעשער האבען זיך דעריבער גענומען צו פערזי־כערן דעם טרעפען־גאנג אויפ'ן 1 שטאק און ארוים צוקריגען די ארבייטער. ארויסגעוויזען האט זיך, אז די ארבייטער, איבערגעשראקענע פונם אויפ־רייס, זענען אנטלאפען מיט'ן הינטער־גאנג און זיך דארט פערשטעקט. ערשט אין א צייט שפעטער איז אויפגעקלערט געווארען דער ענין מיט די בלומרשט פערשאטענע נאך 3 ארבייטער.

לויט אנ'אויפטראג פון דער מאכט, האבען די פייערלעשער איינגעלעגט דעם טייל מויער, וואס האט בעדראהט איינצופאלען.

נאכ'ן בעהערשען די סיטואציע איז אנגעקומען אנ'אויספארשונגס ־ קאמיסיע, בכדי פעסטצושטע־לען די פאקטישע סיבות פונם אויפרייס.

קודם כל איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז נאך על פי צופאל האט די עקספלאזיע נישט געבראכט צו מעהרערע און שווערערע קרבנות — צו טויט־פאלען.

אגב איז אויך פעסטגעשטעלט געווארען, אז זארזשעווסקי'ס פאבריק האט זיך געפונען אין א פאטאלען מצב, אז די מאשינען זענען צוזאמענגע־דריקט און אז דער גאנצער צווייטער שטאק איז אנגעווארפען מיט שמאטעס און מיט לייכטברענ־עדיגען מאטעריאל.

נאך דער ערשטער אויספארשונג גלייך איז פער־האלטען געווארען דער אינהאבער פון דער פאבריק ישראל זארזשעווסקי (פון ליפאווא 1)

אין רעזולטאט פון דעם אויפרייס זענען 15 ארבייטער געווארען ארבייטסלאז.

ביז די מויער־ווענד וועלען נישט פולשטענדיג פערזיכערט ווערען — איז אויך אפגעשטעלט גע־ווארען די ארבייט אין דער שפולקעס־פאבריק פון לאסקאווסקי.

אויפ'ן ארט פונם אויפרייס זענען אוועקגע־שטעלט געווארען ספעציעלע פאליציי ־ פאסטענס.

דער היזק בעטרעפט אנ'ערך 40.000 זלאטים.

(א) אין שייכות מיט דעם קאטאסטראפאלען קעסעל־אויפרייס, האט זיך אינם פעראיין פון קעסעל־אויפזעהער (זאמענהאפא 20) פערזאמעלט א ספעציעלע קאמיסיע אין בעשטאנד פון וועלכער עס זענען אריין: א פארשטעהער פון דער וואיע־וואדזשטווע (אינזש. באנאכאוויטש), ארבייטס־אינ־ספעקטאר אינזש. קאקאווסקי, אינזש. שעוויץ און ד"ר פאסטאר.

די דאזיגע קאמיסיע איז, נאכ'ן ארדענטליכן די אויספארשונג אויפ'ן ארט, געקומען צום אויס־פיהר, אז אין הסכם מיט זארזשעווסקי'ס דערקלע־רונגען, אז דער קעסעל אויפ'ן צווייטען שטאק איז געווען אויסגערעכנט אויף דער אויסהאלטעוודיג־קייט פון 0,3 אטמאספער ־ דרוק, בעת צוליב'ן צו שטארקען הייצען און מאנגעל אין א מאנאמעטער האט דער דרוק געקאנט דערגרייכען ביז 8 אטמאס־פער.

די קאמיסיע איז דעריבער געקומען צו דער מסקנא, אז די שולד פאר דער עקספלאזיע טראגט סיי זארזשעווסקי, דער לייטער פון דער פאבריק און פון דער אונטערנעהמונג, וואס האט צושטעלט דעם קעסעל אהן נויטיגע שוץ־איינריכטונגען.

דער אונטערנעהמער איז א געוויסער מאטעל פון זאוואדזקא 19.

דער בעשלוס פון דער קאמיסיע איז איבערגע־שיקט געווארען אין דער פראקוראטור

סכנה פון אנ'אלגעמיינעם בעקער-שטרייק

אפשאפען די נאכט-ארבייט אין די בעקערייען

אין לאקאל אויף שיענקעוויטש גאס 5־3 איז פארגעקומען דער אלפוילישער צוזאמענפאהר פון די בעקער, געווידמעט דער פראגע וועגען אפשאפען די נאכט־ארבייט אין די בעקערייען.

צום צוזאמענפאהר זענען געקומען דעלעגאטען פון כמעט אלע פוילישע שטעט אין דער צאהל פון א 50 פערזאן.

אין דער אנגענומענער רעזאלוציע ווערט פאָדערט געלעגט דער הויפט פערוואלטונג פון די בעקער־ארבייטער צו אינטערווענירען ביי דער מאכט, וועגען א פעראָרדנונג, וואס זאל פערבאטען די נאכט ארבייט אין די בעקערייען

עס איז בעשלאסן געווארען, אז אויב דער דאזיגער ענין וועט נישט גילטיג ערלעדיגט ווערען, זאל פראקלאמירט ווערען אנ'אלגעמיינער שטרייק פון די בעקער־ארבייטער אין גאנצען לאנד.

צי זענען נייה-גארן-וויקל־ערייען אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען?

די שטייער-אמטען פאָדערן אויסצוקויפען האנדעלס-פאטענטען

(אג) אין שייכות מיט די איצט אין לאדז אקטו־עלער פראגע פון פאטענטען פאר דער טעקסטיל אינ־דוסטריע האט מען בעמערקט א זעהר אינטערעסאנ־טען פאקט פון ביוראקראטישן שטייער־פארמאליזם וואס ברענגט שאדען דער גאנצער טעקסטיל אינדוס־טריע אין לאדז. אין לאדז ווי אויך אין א ריי אנדערע שטעט עקזיסטירט אין גרויסען מאסשטאב א ענטוויקעלטער פראדוקציע צווייג פון גאלאנטעריע — נייגארן וויקלען. די דאזיגע אונטערנעהמונגען ארבייטען מיט עלעקטרישע קראפט און זייער איטדו־סטריעלער כאראקטער איז קיינמאל נישט קוועסטיא־נירט געווארען, א בעווייז דערין איז, וואס די אונ־טערנעהמונגען האט שטענדיג אויסגעקויפט איטדו־סטרי פאטענטען.

ערשט איצט האבען איינינע שטייער־אמטען אין לאדז קוועסטיאנירט דעם אינדוסטריעלען כאראקטער פון די נייגארן וויקלערייען. פארערטערנג פון די אינ־דוסטריעלער אויסצוקויפען פאטענטען פון דער האנ־דעלס קאטעגאריע. עס דארף בעטאנט ווערען אז די וויקלערייען אין לאדז האבען הויפטזעכליך דעם כא־ראקטער פון קליינער אינדוסטריע און דאס רוב אונ־טערנעהמער האבען ביז איצט אויסגעקויפט אינדר־סטרי פאטענטען פון 7 אין 8 קאטעגאריע, איצט פאר־דערען די שטייער אמטען פון דיזעלבע אונטערנעה־מער אז זיי זאלען אויסקויפען האנדעלס פאטענטען פון צווייטער קאטעגאריע. פערשטעהט זיך אז דאס וואלט אויסערגעוועהנליך פערטייערט די פראדוקציע.

Każdy, kto ma pracę i zarabia, powinien pomóc bezrobotnym. Konto PKO Nr. 70.200 Pomoc Zimowa.

ר. איזראעל

אויף נאוואמיעסקא

10) שפאנענדער ראמאן פון לאדזשער לעבען

רעגינא האט זיך אויפגעהאנגען, האלטענדיג אין האנד די פאטאגראפיע פון איהר קליין יונגעלע. זי האט נישט געקענט מעהר אויסהאלטען דעם שווערען קאמף, וועלכען זי האט מיט זיך אליין געפיהרט, דאס איז געווען איבער איהרע כוחות, נאך דעם געשפרעך, וואס זי האט געפיהרט מיט צילקען האט זי זיך געפיהלט בעליידיגט סיי פערזענליך, סיי אין איהרע געפיהלען, דאס וואלט אבער נאך נישט געווירקט אזוי שטארק, אז זי זאל בעגעהען אזא וואהנזיניגען שריט, זי האט זיך ביי דעם דאזיגען געשפרעך איבערצייגט, אז זי האט מעהר נישט קיין שום האפנונג אויף צוריק צו בעקומען איהר קינד, וועלכעס זי האט מיט די אייגענע הענד פערקויפט, אזוי ווי אנ'אלט קלייד, אדער א נישט נוצליך מעבעל שטיק, זי האט זיך דאס נישט געקענט שענקען און דערין נישט געקענט בשום אופן פערגעסען, איהרע נערווען זענען געצויגען אנגעצויגען ווי די סטרונעס און האבען נישט אויסגעהאלטען. דער געדאנק וועגען זעלבסטמארד האט געעגבערט ביי איהר אין קאפ און זי האט זיך דערפון נישט געקענט בעפרייען, הגם קיין שרעק און אפילו אונרוהיגקייט האט דער געדאנק ביי איהר נישט ארויסגערופען.

— וואס איז דען די גאנצע וועלט, אז איך איין סעקונדע פערגעסט מען אין אלץ וואס מ'האט אי־בערגעלעבט אין פערלויף פון צעהנדליגער יאהרען, איין רגע און מען איז שוין פולשטענדיג רוהיג.

און ווען איהר מאן העניק איז אראיס אין גאס, האט זי זיך גענזעגנט מיט איהם דאסמאל פיל וואריי־מער ווי געוועהנליך, זי איז לאנג געשטאנען אויף איין ארט און איהם לאנג נאכגעקוקט, הגם זי האט זיך נאך נישט געהאט ענטשלאסען אויף קיין ענט־שיידענעם שריט.

ערשט נאך העניקס אוועקגעהן האט זי זיך אזוי ווי דערמאהנט, אז זי האט עפעס אייליג צו ער־לעדיגען און האלב־ווילד, אהן אפצוגעבען זיך א חשבון דערפון וואס זי טוט איז זי מעכאניש, ווי אני־אויטאמאט צוגעגאנגען צום שופלאד פון אלט־פרענ־קישען קאמאד, וואס זי האט געירשנט פון איהר מוטער, ארויסגענומען פון דארט א לאנגע שנור, וועלכע איז דארט געלעגען און געדינט צום הענ־גען וועש. מיט דערזעלבער פלעגמאטישקייט האט זי זיך ארויפגעשטעלט אויפ'ן טיש און פון טיש אויפ'ן שטוהל און געפרובט צו דער האק, וועלכער איז געשטעקט אין סופיט נאך דער טייערער לאמפ, וואס זיי האבען געמוזט פערקויפען — איז גענוג שטארק, און אזוי שטעהענדיג האט רעגינא מיט דער גרעסטער רוהיגקייט געמאכט א פעטליע אין דער שטריק און זי פערווארפען אויפ'ן האלז, מאמענטאל האט זי פערלוירען די הערשונג איבער זיך — מיט א ווארף פון די פיס האט זי אראפגעווארפען דעם שטוהל פון טיש און געבליבען הענגען..

טרויעריג איז געווען די לייה פון רעגינא פיינ־בערג, איהר פאטער משה קאן, איהר מאן העניק פיינבערג און עטליכע שכנים האבען זי בעגלייט אויף דעם עולם אמת.

העניק איז געווען בעהערשט, הגם ס'האט איהם געראנגעט אין קאפ, נאך דער לייה האט ער ארומ־געזוכט אין יעדען ווינקעלע פון שטוב. צי האט רעגי־נא נישט איבערגעלאזען עפעס א בריוועל פאר איהם, עפעס א ווארט, א יידי׳י, א צוואה, ער האט גארנישט געפינען, רעגינא איז אוועק פון דער וועלט, אזוי ווי זי וואלט קיין זכר נאך זיך נישט געוואלט לאזען.

צילקע האט זיך באלד דערוואוסט וועגען זעלבסט מארד פון רעגינאן, אין דער ערשטער מינוט האט צילקע זיך געפיהלט, אזוי ווי זי וואלט אומגעריכט בעקומען א שטארקען קלאפ איבער'ן קאפ, ס'האט געמוזט דויערען א געוויסע צייט ביז זי זאל צו זיך קומען און זיך קענען קלאר מאכען וואס עס איז געשעהען, איינציגווייז האבען זיך די געשעהענישען געסדרט אין איהרע געדאנקען און זי האט בעקומען א קלאר בילד פון די פאסירונגען אין דעמועלבען טאג, ווי זי האט נישט געוואלט אפווארפען דעם גע־דאנק, אז רעגינאס זעלבסטמארד שטעהט אין צוזא־מענהאנג מיט איהר היינטיגען בעזוך ביי איהר, האט זיך דער דאזיגער געדאנק צוריקגעקעהרט און איהר נישט געגעבען קיין רוהע, די פאקטען האבען זיך אזוי געבונדען צווישען זיך, אז ס'איז נישט געבלי־בען קיין ספק, אז די דירעקטע סיבה פון זעלבסט מארד איז געווען דער אזאג פון צילקען צוריקצוגע־בען דער מוטער איהר קינד, נאך וועלכע זי האט אזוי שטארק געבענקט.

— און ווען עס זאל אפילו אזוי זיין, האט צילקע פלוצלונג צו זיך אליין אויסגערופען, געהט דאס מיך נישט אן, דאס קינד איז מיין, מיין איז עס לויט געוויסען, איך בין קיין שום פערברעכען נישט בע־גאנגען. דאס קינד געהער נישט בלויז מיר, נאר אויך צו מיין פערשטארבענעם מאן, און דאס זייניגע האב איך נישט געהאט קיין רעכט אוועקצוגעבען.

צילקע האט איינציגווייז אנגעהויבען צו בער־רוהיגען איהר אייגען געוויסען און זיך געוואלט איינ־רעדען, אז זי איז אין גארנישט שולדיג.

זי האט זיך געריכט דערויף, אז העניק פיינ־בערג אדער רעגינאס פאטער וועלען קומען צו איהר מיט פארוואורפען און זי האט זיך צוגעגרייט די גע־העריגע ענטפערען. זיי זענען אבער נישט געקומען, קיינער פון זיי האט זיך נישט געוויזען פאר איהר, אין צוויי טעג ארום האט צילקע זיך דערוואוסט, אז העניק פיינבערג איז אינגאנצען פערשוואונדען גע־ווארען פון לאדז, ער האט אפילו נישט אבגעגעבען ווארט ביז איבער די שבעה, ער איז אינדערפריה ארויס אין גאס און זיך מעהר נישט געוויזען, ס'האט איהם קיינער נישט געזוכט און ס'האט זיך קיינער אויף איהם נישט געפרעגט.

משה קאן האט מורא געהאט ארויסצוברענגען די פארע פון מויל, ער האט געציטערט דערפאר, אז ס'זאל זיך נישט ארויסשטעלען, אז זיין איידעם האט געטיילט דעם גורל פון זיין טאכטער, נאך עטליכע טעג האט משה קאן בעקומען א בריף פון העניק פיינבערג. דער בריף איז געווען געשריבען פון דייטשלאנד און אין איהם האט ער מיטגעטיילט, אז מ'זאל איהם נישט זוכען. ער האט זיך איינגעשריבען אלס פרייוויליגער אויף ארבייט קיין דייטשלאנד אין איינעם פון די ווערבי־ביוראן, וועלכע די דייטשען האבען דעמאלט געעפענט און מ'האט איהם אוועק־געשיקט אין א דייטשען קוילען־גרובען

(המשך קומט)

וועגן א פעראייניגונג פון יודישע האנדווערקער אין לאדז

זעהר חשוב'ע רעדאקציע!

קענענדיג אייער שטעלונג אין דער פראגע פון פעראייניגען די יודישע בעלי־מלאכות אין לאדז האב איך דעם כבוד אייך צו בעטען צו פערעפענט־ליכען אין אייער ווערטער צייטונג פאלגענדעס, פאר וועלכען איך דאנק אייך פאר־אויס.

לעצטענס האט זיך אין דער היגער פרעסע ווי־דער בעוויזען א ידיעה, אז עס ווערט בענייט די אל טע אנגעווערטאגטע פראגע פון פעראייניגען די יו־דישע האנדווערקער אין לאדז. לײדער מוז איך אבער ערקלערען, אז אויך איצט וועט די פראגע ווייטער בלייבען ווי ביז־איצט, „א קול במדבר“, אויך דאסמאל וועט נישט קומען צו דער פעראייני גונג פון די יודישע האנדווערקער אין לאדז.

די אקציע פון פעראייניגען די יודישע האנד־ווערקער פיהרט זיך שוין מיט איבעררייס איבער צעהן יאהר, און ווען מען מיינט שוין, אז אט קומט צו א טאלק, לאזט זיך דערפון אויס גאר־נישט. מיט דער פראגע האט זיך שוין אפילו פער־נומען די יודישע פרעסע א.א. אינסטיטוציעס, און דאך האט עס צו גארנישט געבראכט.

עס ווייזט זיך נאך אלץ ארויס, אז די האנד־ווערקער־מאסע האט נאך זעהר ווייניג געלערנט, מען האט נאך נישט זיך אויסגעלערנט אונטערשיי־דען דאס ערנסטע פון נישט־ערנסטען, און דאס איז טאקע א גרויס וואונדער.

די יודישע האנדווערקער האבען דאך שוין זעהר פיל געליטען, צוליב דער צושפליטערטקייט, דער בעשטאנד, אין וועלכען די יודישע מלאכה גע פינט זיך, די אלע צרות, וואס מען ליידט מצד דער האנדווערקער־קאמער און אנדערע גזירה'לעך זענען דאך אויך נאר א דאנק דער נישט־אייניגקייט פון די יודישע בעלי־מלאכות, דאס אפשטעלן זיך אויף טערקיש ביי יעדער געלעגענהייט, און אנדערע ענה־ליכע שטיקלעך, האבען דאך זיך שוין גענוג אפגע־שלאגען אויף די אינטערעסען פון יודישען בעל־מלאכה און דאך האט מען זיך נאך גארנישט אויס־געלערנט.

מיר ווייסען באמת נישט פון וואנען דאס נעמט זיך, צי זאל דאס שוין זיין א סימן פון יאוש אדער צי זענען טאקע די האנדווערקער נאך אזוי נאאיו. עס האנדעלט זיך אין דער פריש־ארויסגעשווימענער פראגע פון דער פעראייניגונג. איצט, נאך די אלע געשעהענישען, נאך די בערי'הממטע פלענא־זיצונ־גען פון דער לאדזער האנדווערקער־קאמער, נאך די קריסטליכע האנדווערקער־קאנפערענצען און צוזאמענפאהרען, האבען מיר געמיינט, אז קוים איז די פראגע ווידער געוואָרען בעריהרט וועט זי דאך ווערען אקטועל.

מען האט געוואלט שוין דאסמאל גלויבען, „טאמער דאך“, אפשר וועלען דאך די הערען, וואס „פיהרען“ דעם יודישע בעל־מלאכה זיך אפגעבען א דין וחשבון פון דעם, וואס זיי „טוען פאר דעם יו־דישען בעל־מלאכה“, לײדער איז דאס נישט אזוי. לפנים שרייט מען „פעראייניגונג“, אבער מען טוט באלד אלעס נויטיגע, אז פון דעם זאל גארנישט ווערען.

איצט וועלען מיר צוגעהן צום עצם ענין. איך, אלס דער, וואס האט אנטיילגענומען אין אלע פער־איינוגונגס־קאנפערענצען אין פערלויף פון די לעצטע צעהן יאהר מוז פעסטשטעלען, אז די וואס שרייען אממייסטען, אז די האנדווערקער זאלען זיך פעראיי־ניגען, די זעלבע זענען די פאקטישע שטערער פון דער פעראייניגונג.

אויף א קאנפערענץ פון פערוואלטונגס־מיט־גלידער פון האנדווערקער־פעראיין, גדאנסקא 40, איז געפאלען א בעשלוס, אז זיי זאלען זיך ווענדען אין דער האנדווערקער־עקספאזיטור וועגן א פער־איינוגונג.

ווען דער פאקט איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער פרעסע, איז ביי די האנדווערקער געוואָרען א שמחה. יעדער האט געמיינט, אז עס קומט שוין די ישועה.

באלד דערנאך, אין א פאר טאג ארום האט איי־נער פון די, וואס האט צוזאמען מיט אנדערע געפאסט דעם בעשלוס, זיך בריוו צושריבען וועגן דער פראגע און ערקלערט, אז עס איז נישט אמת, אז

(א בריה איז רעדאקציע)

דער בעשלוס איז זיך צו ווענדען אין דער עקספאזי טור, נאר נאך ווארשא.

עס געהט נישט אין דעם פאל וועגען כבוד, ווער צו נעמען עס זאל זיך ווענדען וועגען דער פרא־גע. עס האנדעלט זיך אבער אין דעם, או קוים האט איין צד בעשלאסען זיך צו ווענדען וועגען דער פעראייניגונג, מוז ער זיך דאך ווענדען צום אנ־דערען צד — און דער אנדערער צד איז איצט דאך ביי קיינפאל נישט ווארשא נאר דווקא לאדז. און ווען אפילו מען וויל און מען דארף זיך ווענדען נאך ווארשא, הייסט עס דאך אין דער ווארשאווער צענטראלע, איז דאך דער פרעזעס פון דער צענטראלע גלייכצייטיג פרעזעס פון דער לא־דזער עקספאזיטור און עס איז פיל לייכטער דעם ענין צו ערלעדיגען אין לאדז. און צווייטענס איז דאך א בעוואוסטע זאך, אז אלע ביז־איצטיגע אונ־טערהאנדלונגען זענען זיך צופאלען טאקע דער־מאלט, ווען מען האט פערלאנגט, אז אויב פעראיי־ניגען, מוז מען זיין אנשליסען אין דער ווארשאווער צענטראלע.

איצט קומען די הערען גאר מיט דעם תירוץ, א: מ'דארף זיך ווענדען נאך ווארשא.

פון דער פעראייניגונג וועט דעריבער יודער גארנישט ווערען.

די האנדווערקער – מאסע וועט פערשטעהן, אז דער בעשטאנד קען ווייטער נישט טאלערירט ווערען מען קען נישט דערלויבען, אז צוליב א פאר יחידים זאל ליידען די מאסע.

עס האנדעלט זיך שוין נישט אין א בלויזען „לאזען בעקומען א קאפריז“. דא האנדעלט זיך שוין אין דער עקזיסטענץ פון א גרויסען טייל יודישע האנדווערקער פון לאדז.

דאס מוזען פערשטעהן די פארשטעהער פון די בעזונדערע צעכען און פעראייבען. קוים ווילען נישט די „פיהרער“ קיין פעראייניגונג, מוזען דאס די פארשטעהער אליין אדורכפיהרען.

די פארשטעהער פון די צעכען און פעראיינען מוזען פערשטעהען, אז יעדער טאג, וואס מען פער־זוימט די פעראייניגונג, קאסט זעהר טייער דעם בעל־מלאכה, דעריבער טאר מען מעהר נישט פער־זוימען. קוים פערלאנגען די אינטערעסען פון יודי־שען בעל־מלאכה א פעראייניגונג, מוז צו דעם קומען.

א. גלאטמאן

סטארשי פון שניידער־צעך אין לאדז, וואלטשאנסקא 27.

פון דער האנדווערקער-עקספאזיטור

פיעטריקאווער 45

סוויטער-נייער סעקציע

די סוויטער־נייער סעקציע ביי דער עקספאזיטור האט בעשלאסען צוצוטרעטען צו רעארגאניזירען די גאנצע טעטיגקייט פון דער סעקציע.

דער בעשלוס איז ענטשטאנען צוליב דעם וואס ביז איצט איז נאך נישט אדורכגעפיהרט געווארען די אקציע פון אויסבעסערען די ארבייטס בעדינגונגען פון די סוויטער נייער ווי אויך, צו רעגולירען די צו־ואמענארבייט פון נייער מיט'ן סוויטער מאכער.

עס איז פערהאן אין לאדז א גרויסע צאהל נייער וואס נישט רעכענענדיג זיך מיט זייער סיטוא ציע, שטערען זיי אפשר גאר נישט ווילענדיג די אינ־טערעסען פון דעם פאך.

אויף די לעצטע בעראטונגען איז בעשלאסען געווארען, אז כדי צו ערמעגליכען איצט אדורכצופיה רען די אקציעסנאך פאר'ן סעזאן, — ארייבצוציהען אלע נייער אלס מיטגלידער פון דער סעקציע.

עס איז געשאפען געווארען א צייטווייליגע קא־מיסיע פון 8 מאן, וואס זאל אדורכפיהרען די אלגע־מיינע פערזאמלונג פון דער סעקציע, און וועהלען א נייער פערוואלטונג. וואס זאל שוין צוטרעטען צו ערלעדיגען אלע פארגענומענע שריט אויסצובעסערן די לאגע פון די סוויטער נייער.

וועש-נייער סעקציע

די וועשנעהער סעקציע מאכט אויפמערקזאם די אלע וועש־נעהער, וואס האבען בעקומען די אויפ־פאדערונג פון אינדוסטריע אמט אין שייכות מיט דער איינגעגעבענער ביטע וועגען דער האנדווערקער־קארטע, אז זיי זאלען זיך ווענדען אין סעקרעטאריאט פון דער עקספאזיטור, כדי זיך צו אינפארמירען וועגען דעם ווייטערען גאנג.

גלייכצייטיג ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז נישט קוקענדיג דערויף וואס אין די אויפפאדערונגען צו קומען אין אמט מיט עדות, איז געזאגט, אז די עדות מוזען בעזיצען האנדווערקער קארטען, קענען ביי דעם פאך אויך זיין אלס עדות אזעלכע וואס בע־זיצען נישט קיין קארטע.

די עדות מוזען מיטנעהמען פערזענליכע דאקו־מענטען ווי א פאס א. א.

די סעקציע מאכט נאכאמאל אויפמערקזאם, אז צום וועשנעהער פאך געהערען: נייער פון קאפען, גארדינען, שלאפראקען, שירצען א. א. ענהליכע אויס ארבייטונגען. די אלע פאכען מוזען בעזיצען האנד־ווערקער קארטען.

די סעקציע טיילט מיט, אז עס קומען שוין פאר קאנטראלעס פון די ווערקשטעלען צי זיי בע־זיצען האנדווערקער קארטען, און אין די ווערקשטע־לען, וואס עס וועט פעסגעשטעלט ווערען, אז עס איז נאך איבערהויפט נישט איינגעגעבען געווארען אויף דער קארטע, ווערט צונויפגעשטעלט א פרא־טאקאל, וואס דראהט מיט א געלד־שטראף און שפעטער צו שליסען די ווערקשטעל.

לינוועבער מייסטער פעראיין געשאפן דעם פראדוציר-קאאפעראטיוו

שבת אוונט איז אין לינוועבער מייסטער פער־איין אינטער'ן פארזיץ פון פרעזעס פון צעבראלען יודישען האנדווערקער פערבאנד אין פוילען ה' אדוו. ווייצמאן פארגעקומען א קאנפערענץ פון דער פערוואלטונג פון לינוועבער מייסטער פעראיין און קאמיטעט צו שאפן דעם לינוועבער פראדוציר קאא פעראטיוו.

די קאנפערענץ איז געדופען געווארען מיט'ן צוועק פעסטצושטעלען די גאנצע טעכנישע און א גאר־ניזאציאנעלע זייט פון שאפן דעם קאאפעראטיוו.

עס ווערט פעסטגעשטעלט, אז צייטווייליג וועלען צום קאאפעראטיוו געהערען צעהן לינוועבער, דער קאאפעראטיוו מוז פערארגען די צעהן וועבער מיט 6 וואכען ארבייט.

לויט דער בערעכנונג מוז מען האבען צום שאפען דעם קאאפ. א קאפיטאל (באלד אין אנהויב) פון 7 ביז 8 טויזענד זל.. די לינוועבער, וואס טרע־טען צו צום קאאפעראטיוו זענען בכוח צו דעקען א סומע ביז העכסטענס 2000 זל.

די קאנפערענץ בעשליסט די איינגעצאהלטע סומע אריינצוגעבען אין א באנק, שוין צוטרעטען צום שאפען דעם קאאפעראטיוו.

וואס אמבעלאנגט די רעשט געלד וואס איז נויטיג צום שאפען דעם קאאפעראטיוו, האט ה' אדוו. ווייצמאן צוגעזאגט צו זארגען, אז די סומע זאל געשאפען ווערען.

שוסטער-צעך

לויט דער דערהאלטענער ערקלערונג פון דער אינדוסטריע מאכט, איז אויב די יודישע שוסטער מייסטער וועלען נישט זעהען אין פערלויף ביז שפעטסטענס דעם 1. מערץ ה. י. אוועקצושטעלען דעם צעך אויף דער געהעריגער הויך און נישט אפ־שטעלען די ארומרייסענישען צווישען זיך, וועט דער שוסטער צעך דורך דער מאכט אויפגעלעזט ווערען.

דער צייטווייליגער ראט האט דעריבער אויפ־מערקזאם אלע יודישע שוסטער, וואס איז ביי זיי פאר וואראהן א חוש און אינטערעס פאר אן איינענער יודישער ארגאניזאציע, זיך אפצוגעבען א דין וחשבון פון דעם וואס קומט פאר און זעהען דאס אלעס צו בעזייטיגען.

די יודישע שוסטער אין לאדז מוזען ביים הייטיגען טאג אפשאצען די לאגע, און נישט העל־פען נאך מעהר צעברעכען און צופיהרען צום אונ־טערגאנג פון דעם וואס זיי האבען אליין געשאפען.

עקספארט-שניידער-פעראיין אין א נייעם לאקאל

דער עקספארט שניידער פעראיין וועלכער האט זיך ביז נייע יאהר געפינען אויף לימאנאוסקיעגא 26 האט זיך איבערגעצויגען אויף בזשעזשינער 7.

